# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 34 • מאנטאג, ח' אדר א' תשפ"ז • 15טן פעברואר 2027 • די וואך פון פרשת תצוה

וְטוֹב שָׁכֵן קָרוֹב מֵאָח רָחוֹק

משלי כז, י




### אין דעם נומער

**גירוש וויליאמסבורג**
פליקער • הויפט־ארטיקל

**די נייע טאפאן זי בריק**
שמעקעדיג • וויסנשאפט

**א בריוועלע צום ישיבה בחור'ל**
town1 • איבערלעבונג

**צען שטאק אין בארא פארק?**
א שמועס פון דער וואך

**ווארשעווער היסטאריע**
לייבישרייבער • היסטאריע

**לכבוד מיין שול שכן**
יענטאאש • הומאר

ארכיוו

נומער 34 • מאנטאג, ח' אדר א' תשפ"ז
15טן פעבערואר 2027 • די וואך פון פרשת תצוה

הקדמה

# שכנים און שטאט: א נומער וועגן די וואס וואוינען נעבן אונז

„וטוב שכן קרוב מאח רחוק“, זאגט שלמה המלך. ווער עס וואוינט אין א שטאט ווייסט אבער, אז א שכן קען זיין א ברכה, און א שכן קען זיין . . . א נסיון. דער נומער איז געווידמעט די שכנים און דער שטאט: די הייזער און די געסלעך, די דירות און די פארקינג־פלעצער.

אינעם הויפט־ארטיקל רעכנט „פליקער“ אויס ווי אזוי די טעקס־בילס וועלן ארויסטרייבן די איינוואוינער פון וויליאמסבורג. אינעם שמועס פון דער וואך קעמפן שכנים אין בארא פארק קעגן א בנין פון צען שטאק, און דער עולם קריגט זיך צי זיי זענען גערעכט. „שמעקעדיג“ פירט אונז אויף דעם נייעם „טאפאן זי“ בריק, און „לייבישרייבער“ דערציילט ווי ווארשע איז געווארן א שטאט, מיט הייזער אזוי ענג אז שכנים האבן געשמועסט פון פענסטער צו פענסטער.

א בעל הבית שרייבט א בריוועלע צו די ישיבה בחורים אין זיין בית המדרש בין הזמנים; „שמואל הלוי“ באזוכט „האט בייגעלס“, דעם בארא פארקער געשעפט וואס איז אפן טאג און נאכט; און „יענטאאש“ שרייבט א בריוו צו זיין שכן אין שול. אין די פערל און אין „היינט מיט . . . יאר צוריק“: א האמער אין דער סוכה, א פארקינג־שילד וואס וואנדערט, און א רייזע צו א פלאנעט וואו אלעס איז פארקערט.

אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; וואו מען האט פארקירצט, איז עס אנגעצייכנט. די פולע מקורות געפינט איר אויפן לעצטן בלאט.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| הויפט־ארטיקל | גירוש וויליאמסבורג • פליקער, petergrifin און אנדערע | 3 |
| א שמועס פון דער וואך | שכנים שטערן א כינעזער דעוועלאפמענט אין בארא פארק • היכי דמי, איך הער.. און אנדערע | 6 |
| וויסנשאפט • אינזשעניריע | די נייע „טאפאן זי“ בריק • שמעקעדיג, הערשי און אנדערע | 8 |
| היסטאריע • שטעט | ווארשעווער היסטאריע • לייבישרייבער | 10 |
| איבערלעבונגען | א בריוועלע פונעם שכן צום ישיבה בחור'ל • town1 און אנדערע | 13 |
| קולטור • א שטאט־אינסטיטוציע | א באזוך ביי „האט בייגעלס“ • שמואל הלוי און אנדערע | 16 |
| הומאר | לכבוד מיין נערווירנדער שול שכן • יענטאאש | 20 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 21 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 23 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • שמערל | 25 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 26 |

הויפט־ארטיקל

# גירוש וויליאמסבורג

די נייע הייזער אין וויליאמסבורג זענען שיין, אבער ווער וועט זיך קענען ערלויבן צו וואוינען דארט? „פליקער“ נעמט פאר די טעקס־בילס, רעכנט אויס ציפער נאך ציפער, און ווארנט: עס קומט א גירוש. די ליינער פרעגן און ענטפערן.

פון **פליקער, petergrifin און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „גירוש וויליאמסבורג“ • 16טן–17טן אויגוסט 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6973.html

**פליקער** • 16טן אויגוסט 2014

מיינע ליבע פריינט, עס קימט א גירוש וויליאמסבורג, מען גייט בקרוב נישט מער קענען וואוינען דא נאר גאר גרויסע עשירים, איך קיקט אלע אן די נייע הייזער וואס ווערט היינט געבויט, איך מיינט אז איר גייט זיי קענען עפארדן, איר האט א ביטערן טעות, רוב פון די אלע נייע הייזער קומען מיט א טעקס ביל וואס איז געפעפערט ווי עס ברויך זיין, לאמיר עס צונעמען אביסל פאר די חשובע ליינער, איך וועל דא געיבן דיגמאות וויפיל עס לאזט זיך אויפן מאמענט.

דער פראבלעים פון וואס איך ווידמע דעם ארטיקל איז אויפן ווייטאגליכן טעקס ביל וואס מען באקימט, און מען האט זיך בכלל נישט גערעכנט דערויף ווען מען האט געקויפט דאס הויז, למשל אויב איינער קען עפארדן צוויי טויזענט דולר א חודש פאר א וואוינונג, און ער קויפט אויף דעים חשבון א הויז מיט א מארגידש פון א האלב מיליאן, נאכן אנבארגן ביי דער האלבער שטאט פאר די דאון פעימענט, ווען ער באקימט נאך א ביל פון טויזענט טולר א חודש אויב ער איז מזל'דיג, וואס פאסירט, ער איז אין צרות, פשוט ער קען נישט באצאלן די חודש'ליכע אויסגאבע'ן, דאס ריפ איך א גירש, ווייל ער ווערט פארטריבן פון זיין וואוין ארט.

ווען מען קויפט א הויז היינט וואס איז ניי, לאמיר זאגן למשל פיפצן הינדערט ס"פ, מיט א טעקס עבעיטמענט, איך צאלט פיר הינדערט פינף און צוואנציג א ס"פ, באלד העלפט די פרייז ווי ביי די ארטיסטן וואס שלינגען אינז איין, וואס עס פאסירט איז שטווינענד, די טעקס דיפארטמענט לייגט ארויף א מארקעט וועליו לויט די רענטעל עווירדש פון די ארימיגע שכנים, און שיקן אייך א טעקס ביל.

ווי אזוי ארבייט א טעקס ביל, איך וועל אביסל דערן אריין גיין דער עולם זאל אביסל פארשטיין פון וואס איך רעד.

עס איז דא א מארקעט וועליו,

אן עסעסמענט וועליו

א טעקס רעיט ברעקעט

מיינעס א קרעדיט פאר טעקס עבעיטמענט אויב פאראן

די פיינעל טעקס וואס מען ברויך צאלן

די אויבן דערמאנטע פוינט'ס זענען ווי אזוי א ביל ווערט אויסגערעכנט, ס'טייטש קודם איז דא די מארקעט וועליו, די ציפער ווערט אויסגערעכנט דורך די רענטעל אינקאם עווירדש מיינעס די עקספענסעס, וואס ביי אינז אין וויליאמסבורג קומט עס אויס צווישן הינדערט צעין ביז הינדערט פינף און זיבעציג פער ס"פ, אויך ווענדט עס זיך אויב איז עס אינטער צעין יונט'ס אין די בילדינג דאן איז עס צו די מער, אויב איז עס א מער ווי צעין אפארטמענט'ס דאן לויפט עס ביי די נידריגע ציפער, קומט אויס אז 1,500 טיימס לאמיר זאגן 110 ווייל רוב נייע הייזער זענען גרעסער, איז די מארקעט וועליו 165,000 האבן מיר שוין די מארקעט וועליו, נישט פארגעסן אז די נומער טוישט זיך פון יאר צו יאר, און עס שטייגט שוידערלעך די לעצטע עטליכע יאר, כאטש עס האט געטראסקעט דראסטיש אין 2012 ביים ריל עסטעיט קראך, האט עס שוין איבער געשפרינגען מיט א שמיץ אריבער.

אינטער צעין דירות פלעיג מען בויען כדי מען זאל נישט ברויכן קיין פארקינג אינעם בילדינג, דאן זענען די ציפערן פארשטייט זיך פיל מער שוידערלעך, ווייל די עסעט וועליו איז 1500 טיימס 175 = 260,000.

די עסעסמענט וועליו,

צוצוקומען צו די ציפער, נעמט מען די מארקעט וועליו, און מען מאלטיפלייט עס ביי א געוויסע פערצענט, וועלכע פראצענט?, ביי א קליינע הויז ביז פיר אפארטמענט'ס איז די פראצענט 6% און פון 4 יונעט'ס און העכער, איז עס א שוידערליכע 45%, יא איר הערט גיט, על כן די 165,000 מארקעט וועליו טיימס 0.45 איז, 75,000 בערך. אויב איז עס א קליינע הויז ווי אויבן דערמאנט איז עס נאך 10,000 די עסעסמענט וועליו.

די טעקס ברעקעט, גרויסע הייזער פון פיר און העכער איז די יאר 13.45%, קליינע הייזלעך, 19.50%, בערך.

די טעקס ביל איז שוין איצט פארשטענדליך, נעם די 165,000 טיימס 0.1345 = 22,200 פער יאר, און א קליינע איז 10,000 טיימס 19.50% = 1,950.00 די טאטעל טעקס ביל פער יאר.

ביז א יאר צוריק ווען מען האט געהאט א טעקס עבעיטמענט איז עס געווען א נאן קעפ, ס'טייטש אז עס האט עבעיטעט די גאנצע טעקס אויפן בילדינג, דעיס ביסל וואס מען האט געצאלט איז געווען די טעקס אויפן לאט, דאס האט זיך געטוישט צו א קעפט טעקס עבעיטמענט, זיי נעמען נאר אראפ די טעקס ביז א געוויסע סומע פינעם עסעסט ווערט, אויב איז דער סומע מער ווי די קעפ, אויף יענע חלק קומט א העיפליכער ביל.

פאקט 1, אלע נייע טעקס עבעיטמענט'ס האבן א קעפ פון בערך 65,000 פון די עסעסט ווערט, ממילא אן אפארטמענטס וואס זענען אביסל גרעסער ווי די קליינע נעיז לעכער האבן אן עסעסט ווערט מער ווי 65,000.00 און דעריבער ווערן זיי קריגן א ביל, אפילו עס איז פארהאן אן אבעיטמענט, ממילא לויטן אויבן דערמאנטן משל גייט מען צאלן טעקס אויפ 100,000 ווייל דעיס איז איבער די קעפט עבעיטמענט.

פאקט 2 אינזערע שכנים וואס בויען טייער, און די אלע שיינע הויכע געביידעס מיט אסאך גלאז אויפן בילדינג זענען גאר קליינע דירות, און האבן גאר טייערע רענטל'ס, געווינטלעך אן איין שלאף צימער סטודיא, פאר מינימום צוויי א האלב טויזענט טולער חודש, פיל מער ווי אינז צאלן דא אין וויליאמסבורג.

פאקט דריי, דאס געזעץ איז אז די מארקעט ווערט וואס די שטאט טאטע'ס רעכענען אויס פאר א קאנדא אדער סתם הויז, גייט לויט א געיגנט ווערדעס רענטעל אינקאם, עס איז צעטיילט איסט וויליאמסבורג, סענטראל וויליאמסבורג, נארט, און סאוט וויליאמסבורג, יעדע געיגענט האט זייער נומער וואס דאס טיט דיקטירן די ווערדיש מארקעט ווערט פער ס"פ,

טעות אז קאנדא איז דער פראבלעים, עס איז כמעט אין ערגעץ נישט קיין חילוק צי דאס הויז איז א קאנדא אדער נישט, עס גייט לויט דעם סכום אפארטמענט'ס אויפן CO.

שגץ שטיק, פארוואס רעכענט מען פער ס"פ, יעדער פארשטייט אז עס איז דא דירות וואס זענען גאר טייער געבויט מיט אלע אמעניטי'ס, ווי שווים באסיינען, טיר מענער, איבונג צימערן, שיינע הויעכע דעכער, די שיינע

גרויסע וואלקן קראצער ווי שעיפער לענדינג, און אנדערע פענצי הייזער אויף בראדוועי, אדער די נייע גויאישע פראדזעקט פון די געוועזענע דאמז, וואס גייט הייסן, די אוסטין קאנדא, וואס גייט אגב פארקויפן פאר 1,400 פער ס"פ, די זעלבע געביידע וואס גרעינעצט יענע פראדזעקט וואס הייסט דאמז, וואס איז פארקויפט פאר אידן, איז א דריטל די פרייז, ווייל זיי גיבן אייך א פייג, חוץ די דירה, אבער ווען עס גייט קומען צים טעקס ביל זענען מיר אייניגע מחותנים.

די אלע לאטס אויף בראדוועי וואס זענען נאך ליידיג, צווישן דאמינא, רויז פלאזא, קדם בילדינג, און נאך ארימיגע, די אלע לאט'ס ווערן איצט געפליפט פון פארקויפט פאר הינדערטער מילאנען דולר, למשל די קדם לאט איז זאגאר פארקויפט געווארן פאר איבער הינדערט פיפציג מיליאן טולר, רויז פלאזא איז נאך פאר סעיל פאר צוויי הינדערט מיליאן און העכער, דאמינא איז שוין שאוועל רעדי, דארט קומט ממש א הימל שרייענדיגע פראיעקט כדרך די בילדינג'ס פון דארט און ווייטער ארויף צו די נארט'ס, נאך פיל טייערער ווי שעיפער לענדינג, לאמיר נישט פארגעסן וואס עס קימט פאר אויף בראדוועי, די הערליכע הייזער איינס שענער פון צווייטן, אלע די הייזער גייען האבן א דירעקט אפעקט אויף די הייזלעך אויף יוז סטריט, פען סטריט, און אזוי ווייטער.

על כן, זעי איך נאך אלע חשבונות, אז עס גייט נישט מעיגליך זיין צו קויפן דירות, ווייל די מארקעט ווערט גייט ווייטער שטייגן, נאך לויפן'דיג די שנעל שטייגענדיגע ווורידש רענטל פרייזן פון אינזערע גויאישע שכנים'ס רענטל פרייזן, וועט די מארקעט ווערט ארויף רייסן, און אז די מארקעט פרייז איז הויך נעמט נישט קיין סך ביז די טעקס ביל ווערט העכער, בערך פינף יאר, ווייל זיי ברויכן צעטיילן יעדע נייע העכערינג אויף פינף יאר.

ממילא איז מיין מיינינג, אז אלע דירות אין אינזער וויליאמסבורגע אימגעיגענד, גייט זייער טעקס ביל שרעקליך שטייגן, פשוט כמשמו, יעדע הייזל וואס איז פארהאן אין וויליאמסבורג וועט זייער מארקעט ווערט שטייגן, די גאר קליינע ווערן עס אפשר קענען איבערטראגן, א שטייגער ווי ברוקלין ווילאס דירות, אדער די קלענערע בראון סטאון'ס, וועלכע ווערן אגב אנגערופן קלאס 1, און זיי צאלן די זעקס פערצענט פון די עסעסט ווערט ווי אויבן דערמאנט, אבער ווידערים אלע ווער זענען קלאס 2, און די וואס האבן בכלל נישט קיין עבעיטמענט'ס, זאלן זיין גערעכטן אז זייערע טעקס בילס גייט אין די קומענדיגע עטליכע יאר שטייגן שרעקליך, עד כדי כך, אז עס וועלן זיין וואס וועלן עס נישט קענען

איבערטראגן און פארקויפן פאר גוים, וואס שטייען גרייט מיט די טשעקן אויס געשטעלט אויף ריזיגע סומעס, און עס וועט נישט נעמען לאנג און ווילאמסבורג וועט אויסזעהן ווי די לואער איסט סייד, ווי חוץ די פראדזשעקס איז נישטא קיין שריד ופליט פון אידישקייט, טראץ וואס דארט האט געווירבלט אידישקייט עני טיים ווי ווילאמסבורג.

די אלע אנדערע חלקים פינם גירוש אז עס איז נישטא קיין דירות בכלל, און אז די דירות וואס זענען יא דא זענען שרעקליך טייער, די פילע הייזער מיט מעכטיגע מארקעט וועליו'ס וואס זייער טעקס ביל לויפט אפ בקרוב, די פילע הייזער וואס זענען פיל מער ווי די קליינע פיפצן הינדערט ס"פ, וואס באקריגן שוין העפטיגע בילס, דעיס איז שוין וואויל באוויסט, און פון דעם חלק האב איך שוין גערעדט מערערע מאל, און נישט אינטערעסט מער מוסף זיין און איבערקייען, נאר די חלק פינעם טעקס ביל'ס לכאורה ווייסן ווייניג, דעריבער האב איך געשפירט פאר וויכטיג צו מגלה זיין.

עז א דיסקלעימער, אז איך האב נאר מגלה געווען די בעיסיק'ס, עס איז זייער א קאמפלעצירטע חשבון, און עס איז שווער זיך צו דערגרינדן ביזן סוף דעת פינעם דראג אדיקטעד אסעסער וואס שרייבן די אסעסמענט פאר די מיליאן מיט הינדערט טויזענט הייזער בערך אין די סיטי, ממילא איז דא פילע דקות'דיגע חשבונות וואס האבן תירוצים, און פילע וואס זענען אימפארשטענדליך און סתירה'דיג צו די אויבן'דיגע חשבונות, אבער אלעס אויבן דערמאנט איז וואס איז פאבליצירט ביי די אסעסמענט דעפארטמענט.

עני קוועסטשענס?, ניין, אקעי, גיטע וואך.

**petergrifin** • 16טן אויגוסט 2014

העי, אנטלויף נישט איך וויל עפעס פרעגן. איז דא אדער איז אמאל עפעס געטון געווארן אויף דער פאליטיקעל זייט וועגן דעם? למשל אז מען זאל נישט אריין לייגן אלע הייזער אין איין גרויסע טאפ, אדער מען זאל זיך רעכענען מיט א האמאונערס אינקאם? אויב אזוי פיל מענטשן ווערן עפעקטעד דערפון האט קיינער נאך גארנישט גערידערט דערוועגן אחוץ "דאו רענט איז טא דעם היי" קאנידאט?

**פליקער** • 17טן אויגוסט 2014

קיינער האט נישט קיין רחמנות, ווען איינער איז שוין אין אפיס גייט ער כאנעס אויפן ציבור, ער קיקט אויף זיין באדזשעט און זיכט וועימען ער קען אנריפן רייך, מיר וויליאמסבורגע זענען אין א רייכע געיגענט, מיזן מיר פארשטיין אז מיר ברויכו צאלן דערפאר.

עס איז דערוויילן נישטא קיין שום אויסזיכט אז דאס זאל זיך טוישן עניטיים סון, וואס האט זיך יא געטוישט אז מען האט מבטל געווען די טעקס עבעיטמענט כמעט אינגאנצן, טענק יו בלומבערג.

**פליקער** • 17טן אויגוסט 2014

די שכנים פון וועים איך שמיעס זענען די ארטיסטן, זיי זענען עפ"ר פראפעסיאנאלן, זייער שיינע פארדינער.

די ספאנישע שכנים ווערן אויך זייער ארויסגעפרעסט, זיי קענען נאר עקזעסטירן וויל זיי וואוינען אין רענט קאנטראלד הייזער, אדער ביי האוזינג, אדער רענט סטאבאלאזירטע אפארטמענטס, אויב וועט זיין א נאך פראגע אויף וואס די פשט פון די מיני דירות וועל איך שרייבן, אבער פיל ווייסן וואס דאס מיינט.

די איבריגע פלעינע דירה איינוואוינער ווערן ארויס געטריבן פון זייערע דירות מיט גיטן, סייסט אפאר טאלער טאשן געלט מיט א טיקעט אויף א גרעיהאנד צים גרויסן וועלט, אדער מיט בייזן כדרך סלאם לארד'ס, דורך געריכט, רענט העכערינגען, האלד אוווער'ס, אדער סתם אפ האקן דאס וואסער, ביז זיי זענען עוקר.

און גלייך ווען עס ווערט ליידיג, ווערט עס פארקויפט, איבערגעבויט, אריין געלייגט טייערע עפלייענסעס, טייערע טענענט'ס, און דאן יהא מונח ביז מיר וועלן לכבודו קריגן די טעקס אינקרים.

א שמועס פון דער וואך

# שכנים שטערן א בינעזער דעוועלאפמענט אין בארא פארק

א בנין פון צען שטאק אויף דער זיבן און פופציגסטער גאס? די שכנים האבן זיך צוזאמגענומען דאס צו בלאקירן. אבער די ליינער פון „קאווע שטיבל“ פרעגן: וואס וואלטן מיר געזאגט ווען אידן בויען אזוי ביי אנדערע?

פון **היכי דמי, איך הערה.. און אנדערע**

קאווע שטיבל • אידישע און אלגעמיינע נייעס • „שכנים שטערן א כינעזער דעוועלאפמענט אין בארא פארק“ • 24סטן–26סטן אפריל 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16102.html

**היכי דמי** • 24סטן אפריל 2023

אין בארא פארק האט א כינעזער געקויפט פראפערטי אויף זיבן און פופציגסטע גאס ווי ער פלאנט אויפצובויען א ריזיגע דעוועלעפמענט פון 10 שטאק, אזאנס וואס איז נאכנישט דא אין בארא פארק.

די שכנים האבן זיך צוזאמגענומען אין געמאכט א העפטיגע קאמפיין צו דאס בלאקירן. די וואך איז פארגעקומען א הירינג אין די קאמיוניטי באורד 12 און ווי די עסקנים זאגן איז נאך קיינמאל נישט געווען אזא ציבור אידן ביי א הירינג.

[פארקירצט]

זיי האבן טאקע גערעכטע טענות ווי געווענליך זענען אזעלכע בנינים אויף אן עוועניו און נישט אויף א בלאק, און בכלל טאר מען נישט בויען אזעלכע הויכע בנינים אין בארא פארק, און קען זיין אלס שכן וואלט איך אויך געווען בייז.

איך פרוביר נאר טראכטן וויאזוי דאס קוקט אויס פארקערט, ווען גוי'שע שכינים פרובירן צו בלאקירן די אידישע בליענדע געגענטער ווי אונז זענען פארנומען שרייען אז זיי זענען אנטיסעמיטן.

**איך הערה..** • 24סטן אפריל 2023

גערעכט, נאך דעם ווינדערט מען זיך פארוואס ווען מען גייט אריין אין איינע פון דע שטילע געגנטער אין new jersey ווי היימישע דעוועלאפערס זענען אריינגעקומען אין ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס אן טראכטן א רגע וואס די אפעקט גייט זיין אויפן געגנט אז יעדע צווייטע גוי האט אונז פיינט...

**מה קלוניםוס** • 24סטן אפריל 2023

„. . . און בכלל טאר מען נישט בויען אזעלכע הויכע בנינים אין בארא פארק.“

איז וויאזוי וויל יענער בויען?

**היכי דמי** • 24סטן אפריל 2023

„איז וויאזוי וויל יענער בויען?“

זיי ווילן עס ריזאונען.

**שמן למאור** • 24סטן אפריל 2023

„. . . ווי היימישע דעוועלאפערס זענען אריינגעקומען אין ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס . . .“

אין וועלכע געגנט אין ניו דזשערסי זענען מיר אריין און ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס?

**אלע צוזאמען** • 24סטן אפריל 2023

„אין וועלכע געגנט אין ניו דזשערסי זענען מיר אריין און ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס?“

אין קיין איינס נישט!

אבי צו בארעדן אידן ווען מען קען.

**איך הערן..** • 24סטן אפריל 2023

„אין וועלכע געגנט אין ניו דזשערסי זענען מיר אריין און ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס?"

אז דו ווילסט דיך שטעלן אויפן ווארט "וואלקענקראצער" דאן האסט מיך אפגעפרעגט, וואס איך מיין איז א high-rise building וואס איז געווענליך 6 שטאק און העכער. מסודר?

**Salford** • 25סטן אפריל 2023

וואס איז וואלקנקראצר

**הערשער** • 25סטן אפריל 2023

„וואס איז וואלקנקראצר"

cloud rubber

**דערהויבענע איד** • 25סטן אפריל 2023

„אין וועלכע געגנט אין ניו דזשערסי זענען מיר אריין און ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס?"

אויב איז ניו יארק גוט פאר דיר, האסטו א קלאסישע דוגמה ווי מאנסי און מאנרא. 5-6 שטאקעדיגע ביניינים אין א פלאץ ווי אלעס איז געווען 1 פעמעלי הייזער אפגערוקט אפאר פיס איינס פון צווייטן.

**שטרומפ** • 25סטן אפריל 2023

„. . . ווי היימישע דעוועלאפערס זענען אריינגעקומען אין ארויפגעצויגן וואלקנקראצערס . . ."

כ'האב נאך קיינמאל נישט געהערט פון איינער וואס בויט אומלעגאל אין א נישט היימישער געגנט. ס'איז כמעט אומעגליך!

**וואלוו** • 25סטן אפריל 2023

„. . . א קלאסישע דוגמה ווי מאנסי און מאנרא."

בארא פארק עצמו יוכיח. מיט יארן צוריק איז בארא פארק געווען א געגנט פון 1-2 פעמילי הייזער, ליידיג פלאץ פון אלע פיר זייטן פון די לאט, גרין און לעכטיג, שיין און פריש. צוביסלעך האבן אחינו בני ברית (נישט כינעזן...) צופליקט א נארמאלע באטעמטע געגנט מיט בויען ריזיגע באמבעס איבער דער גאנצער שטאט, פארדעקט די זון אויף אייביג, געווארן אן איבערפאפולעריטעד געגנט, גארבעדזש ליגט ביי די סיידוואלק כסדר, דרייווערס פייפן איינער אויפן צווייטן.

דעמאלטס האט מען אויך פרובירט צו קאמפלעינען, שכנים האבן פרובירט צו ראטעווען זייער וואוין ארט, פון עשירים וואס האבן זיך געוואלט אויפרייסן, פון מוסדות וואס זענען פטור פון הלכות נזקי שכנים, נישט געווען צו וועם צו רעדן, די גאווערמענט איז אונטערגעקויפט פון די עסקנים, און די רבנים לאכן סתם אזוי אין פנים. [פארקירצט] נישטא קיין שו"ע נישטא קיין געזעץ.

גוט מארגן כינעזע שכנים. קומט אריין און מאכט אייך באקוועם.

**מתבודד** • 25סטן אפריל 2023

„גוט מארגן כינעזע שכנים. קומט אריין און מאכט אייך באקוועם."

by now דארף מען שוין זאגן, כינעזע שכנים לאזט מיר איבער פלאץ. (און פארקינג ביטע, אויב מעגליך)

**שמעון וואלף** • 26סטן אפריל 2023

„. . . א ריזיגע דעוועלעפמענט פון 10 שטאק, אזאנס וואס איז נאכנישט דא אין בארא פארק."

פינעקל איז נישט 10 שטאק? איך פארשטיי אז מ'קען פראבירן מחלק זיין, אבער דיין סטעיטמענט איז אומריכטיג

וויסנשאפט • אינזשעניריע

# די נייע „טאפאן זי“ בריק

א שטאט לעבט פון אירע בריקן. „שמעקעדיג“ באשרייבט דעם נייעם בריק איבערן האדסאן ווען מען האט נאר אנגעהויבן בויען, און די ליינער פרעגן פארוואס דער אלטער האט געהאלטן בלויז פופציג יאר און פארוואס מען האט אים געבויט דוקא דארט.

פון **שמעקעדיג, הערשי און אנדערע**

קאווע שטיבל • אידישע און אלגעמיינע נייעס • „די נייע "טאפאן זי" בריק“ • 8טן אויגוסט 2013 – 30סטן יולי 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4477.html

**שמעקעדיג** • 8טן אויגוסט 2013

אונזער דור איז אויפגעוואקסן אין א וועלט כשולחן הערוך. אמעריקע איז געבויעט געווארן צעביסלעך, אבער מיר האבן נישט זוכה געווען צו זען די שווערע ארבעט וואס איז אריינגעגאנגען דערין. די גאנצע אינטערסטעיט און הייוועי סיסטעם אין אמעריקע, אויסגעהאקטע וועלדער און פעלדער, טויזנטער בריקן, הונדערטער טונעלן, און הערליכע בנינים פון נידריגע פאלאצן ביז הויכע וואלקן קראצער, און ס'איז עולם כמנהגו נוהג, מען נעמט עס פאר גרענטעד, עס איז שוין ניטעמאל אינטערסאנט.

עד שבא דער מאסן מערדער בין לאדין ימ"ש, און האט געמאכט היסטאריע מיטן אראפווארפן די העכסטע בנינים אין ניו יארק, 9/11 וועט נישט פארגעסן ווערן וזכרו לא ימוש ממנו עד עולם, און מיר האבן געהאט דעם כבוד מיט צוהאלטן ווי די ערוואץ, דער נייער שטאלצער פרידאם טאווער, ווערט געבויעט, א שטאק ארויף און דאן נאכאיינס, און ער איז שוין כמעט פארטיג. מען וועט פארגעסן די אלע מחלוקת'לעך אין דער זייט, ווי די שטאטישע טאטעס האבן זיך גע'הרג'עט ווי בעבים, דער עיקר איז, אז אין אונזערע צייטן איז געבויעט געווארן היסטאריע, און מיר האבן עס געקענט מיטהאלטן לייוו, טאג נאך טאג, פארנדיג אין די מאנהעטנ'ער גאסן.

אין 2011 איז געקומען די החלטה פון די דעפט. אוו טראנספארטעישאן און די טראוועי אטאריטי (נישט די פארט אטאריטי) אז הגיע עת רקוד, מען מוז איבערבויען דעם אלטן 'טאפאן זי' בריק, וועלכע לויפט איבערן האדסאן ריווער צווישן וועסטשעסטער קאונטי און ראקלענד קאונטי, איבער א לענג פון קרוב צו 3 מייל, און ברעכט שוין אונטער פון דער שווערער לאסט, עס דערהייבט נישט מער דעם עול הגלות... דער בריק האט פארמאגט אסאך אלטמאדישע דעזיינס און האט גורם געווען צו אסאך עקסידענטן, דאפעלט ווי אויף אנדערע בריקן, און האט כסדר געהאט טרעפיק זיך שלענגלען אויף ביידע זייטן, און 7 לעינס סך הכל, דער מיטלסטער ליניע איז געדוקט געווארן פון צופרי ביז נאכמיטאג לויט דעם ראש-אוער.

דער נייער בריק אנטשפרעכט צו זיין א מייטערהאפטיגער שטיקל, מאיעסטעטיש און סטייליש, סיי בייטאג און נאך מער ביינאכט, ביינאזאם מיט דער לעצטער טעכנאלאגיע צו פארגרינגערן פאר די דרייווערס. עס וועט פארמאגן 8 לעינס - 4 אויף ביידע דירעקציעס (גראדע א זאך וואס כ'קען נישט פארשטיין: וועט די איין-איינציגע צוגעקומענע ליניע אזויפיל ארויסהעלפן לגבי טראפיק? תיקו). דער בריק וועט זיין גענצליך אפגעטיילט אינמיטן, אזוי ווי 2 באזונדערע בריקן. אין צוגאב צו די 4 לעינס פער דירעקציע, וועט דער בריק האבן ברייטע שאולדערס פאר עמערזשענסי פערסאנעל, און אויך א פלאץ פאר מאס-טראנזיט (פובליק טראנספארטאציע), און אן עקספרעס לעין פאר באסעס (כ'ווייס נישט אויב באזונדער). אויך וועט זיין א ליניע אין דער זייט פאר פעדעסטריענ'ס וואו פוס גייער וועלן קענען אדורכוואקן, און פאר ביציקלען, צו קענען אדורכשניידן מיט א בייק דעם בריק (הא, וועט דאס זיין פאן!). און מיר וועלן ווידעראמאל האבן די געלעגנהייט מיטצוהאלטן א סענזאציע און היסטארישע געשעעניש, ווי דער בריק וועט גאעפנט ווערן (געפלאנט פאר יאר 2017). מען קען שוין יעצט זען ווי מען האט שוין אנגעהויבן די ארבעט, ווען מען פארט אדורך אויפן אלטן בריק.

דער בריק ווערט געבויעט צו נארט פון דער ביז־איצטיגער בריק (צו ראקלענד זייט), און וועט אויך ארויפגיין/אראפגיין שיעף אינמיטן, זינט די ראקלענד זייט איז פיל נידריגער ווי די וועסטשעסטער זייט. די טאל אפצאל וועט זיך פארדאפלען אדער פארטריפלען, פון די איצטיגע $5.50 ביז 12 אדער $15

**מ. גליקמאן** • 8טן אויגוסט 2013

די אלטע בריק גייט פארבלייבן אין דינסט?

**זר זהב** • 8טן אויגוסט 2013

ניין

**שמעקעדיג** • 8טן אויגוסט 2013

עס איז געווען א רעדע עס צו לאזן פאר פעדעסטריען'ס, אבער דער פלאן איז בטל געווארן. דער נייער ברידזש וועט האבן פלאץ פאר פוסגייער כנ"ל, און די אלטע וועט ווערן ארויסגענומען פון דינסט.

**הערשי** • 8טן אויגוסט 2013

פארוואס דארף מען איינווארפן די אלטע בריק? אויב ס'טאקע אזא קיר נטוי אז ס'לוינט נישט מער אויפצוהאלטן איז דאך אויך איצט א סכנה צו פארן דעריף, לכאורה. בכלל, ווינדערט מיר שטענדיג, געווענטליך זוכט מען אפיר א שמאל ארט צו שפאנען א בריק. ביי דער טאפפאן זי שיינט ווי מען האט געטראפן דאס ברייטסטע פלאץ אויפן האדסאן צו ציען א בריק.

**געפילטע פיש** • 8טן אויגוסט 2013

וואס מיינט ארויסנעמען פון דינסט? אראפווארפן? שטיין ליידיג? ס'געווען א פלאן אז מ'גייט עס מאכן פאר א פארק, איז די פלאן בטל געווארן?

„. . . ביי דער טאפפאן זי שיינט ווי מען האט געטראפן דאס ברייטסטע פלאץ אויפן האדסאן צו ציען א בריק."

לויט וויקיפידיע האבן זיי עס געוואלט בויען די נאנסטע מעגליך צו מאנהעטן, אבער ארויס פון די 25 מייל ראדיוס וואס די פארט אטאריטעט האט דזשוריסטריקשען, כדי די אינקאם פונעם ברידזש זאל גיין גענצליך צום נ.י. טרו-ווער אטאריטי אויפצובויען דעם טרו-ווער.

די טעפען זי האט זיך געעפענט 1955, אכט און פופציג יאר צוריק, ס'איז מתחילה געבויעט געווארן זיך צו האלטן בלויז פאר 50 יאר ווייל מ'האט געהאלטן אינמיטן די קאריא מלחמה און מ'האט נישט געהאט גענוג בויען סופלייס.

**הדד בן בדד** • 9טן סעפטעמבער 2013

היינט אדורכגעפארן דארט, ס'קוקט מיר אויס אז ענדליך הייבט מען אן ארבעטן דארט (לויט זיי האט מען געדארפט אנהייבן די ארבעטביים אנהייב פון דעם יאר '013, למעשה איז מען שוין באלד ביים סוף) איך זע עס זענען אויסגע'שורה'ט בערך א צען גרויסע קרעינס. איך ווייס נאך נישט פונקטליך וואס די צען קרעינס טוען דארט, אבער זיי זענען דארט, און עס זעט מיר אויס אז די ארבעט הייבט זיך אט אט אן.

**שמעקעדיג** • 15טן יאנואר 2014

אן אומגליק האט פאסירט פארגאנגענעם ער"ש ווען א שיפל מיט עטליכע מענטשן האבן אריינגעקנאקט אין איינע פון די "שטחים" (for a lack of a better word) ווי מען ארבעט אויפן נייעם ברידזש.

דער דרייווער מיט א נאך א פרוי זענען אומגעקומען, און עטליכע מיטרייזענדע זענען האספיטאליזירט געווארן.

**שמעקעדיג** • 30סטן יולי 2017

פיר יאר נאכ'ן עפענען דעם אשכול, און ווי געפלאנט, גייט דער נייער טאפאן זי בריק אריינגיין אין באנוץ אין דעם קומענדיגן חודש, למספרם אוגוסט 25. עס וועט קודם געעפנט ווערן איין זייט - פון וועסטשעסטער צו ראקלענד. די אנדערע חלק וועט נאך נעמען אפאר חדשים, ביז ערגעץ אין 2018, און דערנאך וועט מען אראפנעמען דעם אלטן בריק.

טאפאן זי? נישט אזוי זיכער. עס קומט א שינוי השם. מאריא קאומא בריק. חוות דעתי איז אז עס איז א משוגעת צו טוישן בריק נעמען. טרייבארא פארבלייבט טרייבארא און נישט פריקן אר.עף.קי. טאפאן זי וועט אויך פארבלייבן מיט דעם אלטן נאמען. מאריא קאומא בריק? עס הערט זיך אביסל פאני...

מען האט זיך דא גערינסן אויבן איבער די טאללס. די גוטע נייעס איז אז ביז 2020 בלייבט 'געפרוירן' די יעצטיגע נידריגע פרייזן. די נישט גוטע נייעס איז, אז געוויסע מענטשן זענען חכמים הרואים את הנולד און טראכטן שוין פון יאר 2021..

ונזכה ונחי' ונראה.

שטייענדיג ערב ת"ב, ווען מיר קלאגן בראותי כל עיר על תילה בנוי' ועיר אלקים מושפלת עד שאול תחתי', קען מען נאר בעטן און מתפלל זיין אז אויך דער ביהמ"ק זאל שוין אויפגעבויעט ווערן מיט'ן פולן פראכט בקרוב בימינו אמן.

היסטאריע • שטעט

# ווארשעווער היסטאריע

ווי אזוי ווערט א דארף א שטאט? „לייבישרייבער“ דערציילט די ערשטע יארהונדערטער פון ווארשע: א פירשט, א שלאס, מויערן מיט פינף טויערן, ענגע געסלעך – און הייזער וואו מען האט געקענט שמועסן מיטן שכן פון אנטקעגן, פון פענסטער צו פענסטער.

פון **לייבשרייבער**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „ווארשעווער היסטאריע“ • 30סטן יוני – 2טן יולי 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16363.html

כדי צו האבן א דבר נאה ומתוקן איז פשוט א שאד נישט ארויס צו נעמען פון די ארכיוון די היסטאריע פון ווארשע ווי אזוי עס איז געווארן דער גרויסער שטאט און ווי אזוי דאס אידישקייט האט זיך דארט אזוי געשטארקט עד כדי כך ביז עס איז געווארן איינע פון די גרעסט אידישע שטעט אין אייראפא פארן צווייטן וועלטס קריג

די היסטאריע פון ווארשע הייבט זיך אן שוין אין די יארן פון עלעף הונדערט ד' תת"ס, די ערשטע יארן פון ווען ווארשע איז געווארן געגרינדעט קען נישט ווערן פעסטגעשטעלט מיט קיין דוקאמענטארישע הוכחה. די נעמען פון די שטעט ארום ווארשע ווייזט אז סלאווישע שבטים פון טשעכן האבן זיך דארט איינקווארטירט אזוי פרי ווי יאר ד' תת"ס אדער אפי' פריער.

דער נאמען פון דער עלטסטער גאס אין ווארשע איז געגעבן געווארן נאך א פישער וואס האט פארפיגט אויף די פיש מארקעט אויפן ווייסעל טייך אין דער געגענט מיטן נאמען ריבאקס Rybaki

אין יענע יארן איז ווארשע געווען א דארף, עס האט זיך אהין געצויגן א פירשט אין יאר ד'תתס"ז 1207 מיטן נאמען קאנארד, ער האט זיך אויף געשטעלט זיין גרויסער רעזידענץ אינעם דארף, און געבויעט גאס נאך גאס אויפן חשבון צו מאכן ווארשע פאר א גרויסער שטאט. די טעריטאריע וואס די שטאט ווארשע איז דאן געזעסן האט געהייסן מאזאוויע. די פירשטליכער הויף האט צו זיך געצויגן אסאך איינוואוינער סיי די באדינער פונעם פירשט און ווי אויך סוחרים וואס האבן געהאנדלט מיט דעם פירשט האבן זיך כסדר געמערט ביז די באדן מאזאוויע האט זיך ערווארבן א נאמען פון א גרעסערע ישוב א שטאטליכער אויסשטעל. קיין שום פאליטישער חשיבות האט דער שטאט נישט געהאט אין יענע יארן. די גרעסערע שטעט דערנעבן ווי סאכוטשאוו און טשערסק זענען געווען וויכטיגערע שטאטישע שטעט וואס האבן דאן פארפיגט אויף האנדל און וואנדעל. די אקאנאמיע אין די צוויי

שטעט האט נישט געלאזט דעם נייעם שטאט/דארף מאזאוויע זיך הייבן אין די ראנגען פון ווערן אן אנערקענטע מאנציפאליטעט.

ווען די שטאט איז עמטליך געווארן אן אנערקענטע שטאט איז נישטא קיין שום דאקאמענטישע באשטעטיגונג ביז אין יאר 1247 ד'תתקס"ז. הגם עס איז דא שריפטן וואס היסטאריקער האבן געשריבן וועגן דעם נייעם שלאס וואס האט זיך געגרינדעט אין מאזאוויע ("יאזדאוו" האט עס געהייסן דאן לויט די שריפטן) שוין אזוי פרי ווי 1224 ד' תתקפ"ג אבער ווארשע האט זיך עס נישט גערופן לויט די שריפטן און די אפיציעלע דאקומענטאציע ביז אין יאר 1313 ע"ג

אין יענע צייטן צו באקומען די מאנציפאליטעט האט געמיינט צו האבן אן אייגענער האנדלס (אקאנאמי) און א גאראנטי אויף שוץ פון א פאליצייאישער וואך און גערוכטליכע פארוואלטונג פאר די איינוואוינער פון דער מאנציפאליטעט. די פאליציי געווארדיע און די ריכטער זענען געווארן באצאלט פון די איינצאלונגען פון די איינוואוינער וואס האבן דעם געגעבנט איינגענומען. מען זעט נישט אין ערגעץ אזא אפיציעלער איינערקענונג ביז אין יאר 1339 צ"ט

דער ווארשעווער מארק און האנדעלס האט זיך שנעל ערווארבן צו א גרויסער מארק, צו פארדאנקען דעם געיאגראפישער פלאץ ווי דאס שטייט, ארום גענומען מיט וואסער פון איין זייט, טריקעניש אפן צו רוב אייראפע, פונעם צווייטן זייט. עס איז געווען זייער גרינג פון אלע זייטן אהין צו קומען, סיי די קויפער און סיי די פארקויפער האבן דאס געזען א גוטער מיטלפונקט.

נישט גרינג איז אנגעקומען צו מאכן פון דעם דארף מאזאוויע צו א שטאט, די פרייסן שכינים פונעם נייעם געווארנער שטאט האט זייער נישט געשמעקט דעם געדאנק פון א גרויסער ממש אין זייער נאז אריין און האבן כסדר געפירט מלחמות מיטן פירשט און זיינע מיליטאנטן, עס איז אנגעקומען זייער שווער צו זיך אויס ברייטערן אין דער צייט וואס מען איז פארנומען זיך צו באוואכן פון די פליצלינגע אנפעלער פון די פרייסישע שבטים. די באשוצונג פון

די איינוואוינער איז נישט געווען קיין גרינגער ארבעט פאר די פירשטן אין יענע תקופה.

ווי נאר דער פירשט קאנארד האט צו געלייגט טעריטאריע צום דארף כדי עס צו ברענגען צו א שטאטישע געוויכט האבן די פרייסן געמאכט טעריטארישע אנפעלער און געשלאגן און גערוצבעט מיט כל הבא ליד. אין יאר 1289 מ"ט זענען פארגעקומען שווערע שלאכטן ארום דעם ווארשעווער/מאזאוויע טעריטאריע מיט די פרייסן, און א יאר דערויף האבן זיך צו די שלאכטן צו געשטעלט די ליטאים פון דער אנדערער זייט וואס זענען איבער געריסן געווארן דורך די פרייסן נישט צו צולאזן אז די רואיגע דערפער אין דעם געגענט זאל ווערן פארוואנדעלט אין א גרויסער שטאט ווי די רואיגקייט ווערט פון די איצטיגע אייוואוינער אוועק גענומען.

אין דער תקופה פון די שלעגערייען האט פירשט קאנארד מחליט געווען אז ארום דעם גרויסן פירשטליכן פאלאץ צו בויען א שלאס מיט א שטארקער שטיינערנעם מויער ארום צו נעמען דעם נייעם שטאט, וואס האט זיך געצויגן פונעם ברעג ווייסעל טייך און ארום גענומען א ריזיגער שטח ווי די נייע איינוואוינער האבן זיך אריין געצויגן צו אפהאלטן די שלעגער פון באפאלן דעם נייעם שטאט נאכאמאל און נאכאמאל.

אין צווישן די מויערן האט זיך די שטאט ענדליך אנגעהויבן אנטוויקלען (אלט-שטאט ווארשע, יא עס איז דא אן אלט שטאט אין ווארשע אויכעט. די היינטיגע רויאל קעסטל (Royal Castle די אנפעלער האבן נאך געלאזט.

אין יאר 1377קל"ז האט זיך די הויפט שטאט מאזאוויע אריבער געפירט פון טשערסק מאנציפאליטעט צו נייע געווארנע ווארשע.

די ערשטע אפיציעלע, דאקומענטאציע פון דער שטאט ווארשע איז דא פון יענע יאר. דער שריפט לויטעט אזוי. "די שטאט ווארשע איז געווארן ארום גענומען מיט א מויער עס ציט זיך פון ארום דעם שלאס פונעם פירשט קאנארד וואס שטייט נאנט צום ברעג פונעם טייך ווייסעל און נעמט ארום אלע הייזער אינעם שטאט. דער נייער שטאט האט אסאך גרויסע באקוועמע הייזער און האנדלס מארק פאר דער באקוועמליכקייט פאר די איינוואוינער און געסט, אויסער אסאך אנדערע באקוועמליכקייטן"

דער מויער פונעם שלאס האט אין זיך געהאט אריין געבויט הויעכע טורם'ס צו באוואכן דעם גאנצן ארום צו זען מי הולך און מי בא, ווי נאר די וועכטער האבן באמערקט אומגעבעטענע געסט זיך דערנענטערן צום שטאט האבן זיי ארויס געשיקט א סיגנאל אריין אין שטאט און די פינעף טויערן פונעם שלאס זענען הערמעטיש פארשלאסן געווארן און אלע איינוואוינער אינעווייניג האבן זיך א לאז געטון צו די באשטימטע פלעצער אויפן מויער צו באשיצן דעם שטאט אנטקעגן די אנפעלער. די שטאט האט זיך פון אנהייב געבויעט פון דער צארישער פירשטליכער פאמיליע און זיי האבן זיך משדך געווען צווישן זיך, די גאנצער שטאט מער אדער ווייניגער זענען געווען אין דער מלוכה פאמיליע באיזה אופן ממילא זייער פארטיידיגונגס זענען געווען ממש אן אייגענארטיגער פארטיידעגונגס אלע האבן זיך געשפירט ווי די בעלי אחריות פון דער שטאט, און דערפאר האבן זיי פארטיידיגט זייער אייגנטום נישט קיין ציבורישער וואכונג, די זעלנער וואס האבן באוואכט דעם שטאט האבן זיך איבער געגעבן פאר דער באוואכונגס ארבעט מיט לייב און לעבן. דער פאזיציע וואס די מויערן האבן צו געשטעלט אויף אלע פיר זייטן איז געווען זייער סטראטעגיש אהער געשטעלט אז די אנפעלער האבן זיך זייער שווער געקענט אן עצה געבן און צוריק שלאגן די באשיצער וואס האבן געשאסן מיט ברענענדיגע פיילן פון אויבן אויף אראפ, די אנפעלער האבן כמעט נישט במציאות געקענט נאנט קומען צום מויער אן פארלירן גאר אסאך סאלדאטן, און אזוי איז ארויס א קול אז מיט דעם נייעם שטאט מאזאוויע/ווארשע איז נישט כדי זיך צו אנפאנגען.

די וואס האבן געוואוינט אין דעם געגענט פונעם שלאס און ארום דעם שלאס, האבן אוטאמאטיש געדארפט אונטערשרייבן אונטערטעניגקייט צום פירשט מיט זיינע אנטערטאנען כדי צו ווערן באשיצט פון אנפאלער און ווי אויך צו קענען אריין קומען אין שטאט צום האנדלס מארק וואס האט געווירבעלט אינעם מויער פון סחורה וואס איז געברענגט געווארן פונעם ווייסעל טייך.

א גרויסער קלויסטער מיט א קאטעדרע דאך איז געווארן געבויט אינעם שלאס ווי עס פאסט פאר א מלוכה שטאט, און אינעם קלויסטער איז אויך געווארן אריינגעשטעלט די אפיציעלע שולע. און ווי אויך איז ביי דעם קלויסטער געווען צו געשטעלט דעם אפיציעלער צווינטער (סעמענטערי)

די ענגע קליינע שמאלע היימישע געסלעך פון דער גאנצער שטאט איז געווען נישט לענגער ווען מען זאל אלע גאסן שטעלן און א שורה'דיגע לענג, איז נישט געווען לענגער ווי דער היינטיגער גאס אין ווארשע מארשאלקאווסקא גאס.

די שטאט איז געווען אויסגעשטעלט אין אן אליפטישער פארם, און דאס האט געמאכט דעם שטאט אויסזען ווי אן ארום-געצוימטן איזאלירטער בנין וואס איבער געפילט מיט פחדים'דיגער סודות'פולער אייגנשאפטן. מיט די פינעף פאריגעלטע טויערן, אינעם נוטראלער טייך שוץ האט געמאכט דעם שטאט אויסזען ווי א פלאסטישער מוסטער פון א מיטלאלטערישן פארפאנצעטער יישוב.

דער הויפט גאס אין דעם שטאט איז געווען אין דעם מארק פלאץ, דאס ראט-הויז, (סיטי אפיס) און פיר הייזער אין א שורה, די אנזעענדיגער הייזער דארט איז געווען די הייזער ווי די ריכטער און די סולטיס (לוירס) האבן געוואוינט. צווישן די דאזיגע קוואדראט

פון הייזער האבן זיך געפונען עטליכע קלענערע קלויסטערס, קרמאען און קנייפעס (ווערן הייזער) ווי די הענדלער פון מארק פלעגן אייגענעם פארברענגען איבער א קאלט גלעזעל ביר און פארהאנדלעט אין זייערע געשעפטן. אפי' זונטאג נאך די פרעפלערייען אין דעם קלויסטער האבן זיך א חלק פון די מאבן ארייגעזעצט אין די פארברענג הייזער צו הנאה האבן פונעם רואיגער טאג וואס ערווארט זיי דעם זונטאג.

דער מארק פלאץ איז געווען דאס הארץ פונעם שטאט זיינע ארטיערעס איז געווען זייער שמאל, א טייל געסער זענען געווען געמאכט פאר אדורך גייער צו אדורך שפרייזן פון איין זייט שטאט צום צווייטן, דער גאנצער שטאט איז באשטאנען פון עטליכע גאסן וואס אפאר פון דעם זענען נאר געווען די שמאלע שטעגלעך נאר פאר אדורך גייער.

שוויענטאיאנסקא · זאפיעצעק · שמאלער דוניי · גאלעמבי · א קושיווע · קאלא · קא-מיענע · סכאדקי · צעלנא · יעזויצקא

די אדערן פונעם שטאט זענען געווען דער שלאס פלאץ מיט נאך עטליכע דורך גייענדע גאסן

פיוונא פיע · קארסקא · שמאלער דוניי · קאנאניא · חשעקאניא

## אין די קעלערן פון די ביניינים זענען דירה'לעך אריין געשטיפט געווארן (פונקט ווי אין וויליאמסבורג)

ביי דעם ווינקעל פונעם שטאט זענען געווען נאך צוויי דריי גאסן: ריצערסקא, שלעפא. און א ריי געסלעך וואס עקזעסטירן שוין נישט, צווישן זיי א געסל מיטן נאמען ביעדא (ארעמקייט) וואס איז טאקע באוווינט געווארן פון ארעמעלייט, און א אידישע גאס וועגן וועלכער עס וועט אויסקומען צו שרייבן (אויב מיר וועלן זוכה זיין)

שווער אנצוצייכענען וויפיל איינוואוינער עס האבן געוואוינט אין די נייער/אלט ווארשע יענע יארן. אפי' עס זענען געווען אפאר קלויסטער און קאפע הייזער, זאגט עס נאך אלץ נישט וויפיל איינוואוינער עס האבן געוואוינט דאן אין דער שטאט און קיין צענזוס אין יענע יארן איז אויך נישט געווען, די פיר קלויסטערס וואס זענען געווען סטאנציאנירט אין ווארשע דאן איז געווען א דירעקטע מתנה פונעם פויבסט כדי די נייער שטאט ווארשע זאל קענען אויפנעמען אלץ איינוואוינער וואס מער גלויביגע אין דעם נייעם שטאט.

קיין סאך פלאץ צו בויען אינעם נייעם ווארשע איז נישט געווען די הייזער זענען טאקע געבויט געווארן שמאל און הויעך, און ווי אויך טיף אין דער ערד. א ברייטקייט פון א געווענליכער בילדינג איז באשטאנען פון א צוויי-פענסטערדיגע פאסאד אבער עס האט געקענט זיין ארויף געצויגן צו דריי פיר שטאק אדער אפי' מער (אן עלעוועיטארס)

אין די קעלערן פון די ביניינים זענען דירה'לעך אריין געשטיפט געווארן (פונקט ווי אין וויליאמסבורג) די קעלערן איז אן אייגענארטיגקייט פון דעם ארכיטעקטור פון דעם אלט שטאט ווארשע עד היום.

די צושטיפעניש פון די ביניינים זענען געווען אזוי נאנט אויס געשטעלט איינס אנטקעגן דעם צווייטן אז ווען איינער האט געוואלט רעדן מיט זיין שכן פון אנטקעגן איבער דורך די פענסטער האט ער ווייטער געקענט רעדן געלאסן און זיך בכלל נישט דארפן אנשטערנגען אז די מענטש פון די אנטקעגן איבער זאל עים דארפן הערן זייער איינגענעמע געלאסענע שמועסן האבן געקענט געפירט ווערן צווישן די שכינים פון אנטקעגן איבער דורך די פענסטער.

אויסער די מענטשן שכינים וואס זענען געווען די איינוואוינער פון דעם נייעם אלט ווארשע, איז מען אויך געווען שכינים מיט מיסטיע (קלויסטער'ס) און דער מלאך המות 5 קלויסטערס און צוויי סעמענטערי'ס אין אזא קליינער שטאט האט געמאכט דעם מענטש שפירן אז ער האט אויסער מענטשן שכינים האט ער דערצו זיין געטש'קע און דער מלאך המות פאר זיינע שכינים, אויסער די צוויי צווינדערס (סעמיטערי'ס) איז אויך אין צוויי קלויסטערס געווען באגרעבעניש סקלעפעס אין זייערע קעלערן ווי עס פלעגן בא-ערדיגט ווערן די פארטיצטערטן. א יעדן זונטאג ווען מען פלעגט אין קלויסטער אריין גיין פרעפלען האט מען שוין באות מעמד געקענט גיין צו די קברים פון די עלטערן.

[פארקירצט]

איבערלעבונגען

# א בריוועלע פונעם שכן צום ישיבה בחור'ל

בין הזמנים אין בית המדרש: א בעל הבית וואס דאוונט דארט שוין אכצן יאר שרייבט א בריוו צו די בחורים וואס כאפן זיין „דבר יום ביומו“, זיין קאווע און זיין שטילקייט. די ליינער זענען נישט אלע מסכים.

**פון town1 און אנדערע**

קאווע שטיבל • חינוך • „א בריוועלע פונעם שכן צום ישיבה בחור'ל“ • 15טן מערץ 2013 – 14טן אפריל 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3220.html

**town1** • 15טן מערץ 2013

א גיטן חודש און א פרייליכער בין הזמנים, כ'האף וועסט הנאה האבן און טאקע אויסניצן די טעג ווי עס דארף צו זיין אבער איידער די לויפסט ווייטער נעם א מינוט און ליין דורך די קומענדיגע פאר שורות לאמיר זיך אביסל פארשטיין..

עס איז בין הזמנים 8:00 אינדערפרי איך קום אריין אין ביהמ"ד ווי איך בין שוין א תושב די לעצטע 18 יאר כולן שווין לטובה איך שטרעק אויס מיין האנט צו נעמען דעם 'דבר יום ביומו' און די בחור'ל געבסט עס א פלינקער שלעפ און די כאפסט עס כמעט ארויס פון מיין הענט און טראגסט זיך אפ דערמיט.. בחור'ל טייערע צו ווייסטו אפשר וואס מיינט דרך ארץ? איך האב עס געהאט בעפאר דיר פארוואס שלעפסטו עס אוועק? און בכלל, וואס איז דיר אזא נפקא מינה וועלעכע יארצייט עס איז? אז ס'וועט זיין א יארצייט וועסטו לערנען משניות און אנצינדן א ליכטעל? איך האב חברים וואס מאכן היינט נאכט חתונה דאס ערשטע קינד איך מיין איך דארף עס אביסל וויכטיגער ווי דיר..

ווייטער גיי איך אראפ אין מקווה איך נעם ארויס מיין קארטעל וואס קאסט מיר א $30 א חודש איך לייג עס אויפן סקרין פונעם טורנסטייל איך וויל אריינגיין און בעפאר וואס-ווען-ווי געבסטו זיך פלינקערהייט א דריי אריין און ניטאמאל באמערקט אז דו האסט מיר דאס פוס אנגעטראטן.. איז דאס מענטשהייט? דאס לערנט מען היינט אויס אין די ישיבות? איך דארף באצאלן חודשליך ערליך די $30 דאלער אז ווען די מאכסט אפ בין הזמנים אז די ביזט אין די גיסטע פון אווארעמע טוש זאלסטו זיך אריינכאפן אויף מיין חשבון?..

וויל איך גיין אביסל הכנות זיך גרייטן אויף תפילת שחרית זאל זיין שוין אנעם טעגליכן קאווע ווייל די בחורים האבן אלעס אויסגעניצט, איך גיי אריין זע איך אלע 25 הכנה צימערליך זענען פארמאכט, כ'דענק שוין לאנג נישט אזא ווילדע זאך זייט דער ראש הקהל האט געמאכט די גרויסע קידוש פאר 2 חדשים צירוק.. גייסט מיר זאגן די טשולענט איז זיך יעצט נוקם אין די אלע חברה? רבוש"ע היינט איז שוין מידוואך אין וועלכע פלאץ חוץ קעמפ רב טוב געבט מען טשולענט אינמיטן וואך? טראכט איך צי מיר מן הסתם איז קיינער נישט דארט איך גיי צי צום סוויטש איך קוועטש אויף off פליצלינג זע איך אויפן שאטן צענדליגער קליינע לעקטערליך.. וואס מיינט דאס? איך בין שילדיג ענקערע עלטערן לאזן ענק נישט וואטשן פריזן ברעיק? פארדעם דארף איךווארטן 45 מינוט פאר א טוילעט? און בכלל, פארוואס דארף מען קוקן 24? גרובייס מעג נישט האבן אביסל פרנסה?..

ענדליך האלט מען שוין ביי שחרית איך קום אריין אויף מיין פלאץ זיצט זיך שוין באקוועם א ברייטער ישיבה בחור און זאגט מילה במילה די קרבנות, שוין אן ערליך בחור דאווענט איך וועל איהם נישט שטערן, זיץ איך אזוי צעקוועטשט בשעת דער בחור שאקעלט וועלטן ביי ברוך שאמר און שמייסט אריין זיינע געלע ציציות אין מיין פנים אריין און פארמישט מיר ווי איך האלט ביים דאווענען מיט זיינע קולי קולות און ווילדע אקטן.. אפשר לאזוסטו מיר זיצן אויף מיין פלאץ? אפשר לאזוסטו יענעם אויך דאווענען? פרום אויף יענעמ'ס חשבון איז ריכטיג?..

גע'ענדיגט דאווענען ווען איך מיין הארץ ברוזט נאך די נייע אנשיקעניש פון די 'בין הזמנים' סענטער וואס האט זיך אנגעריקט אין מיין צווייטע היים וואקן איך אזוי געמיטליך צום שפיין קראם די נעקסטע גאס איך וויל קויפן אביסל ברויט און מילך מיינע קינדערלך זאלן האבן וואס צי עסן און ווענען זע איך ביים טיר? נישט קיין אנדערער ווי טאקע דיר בחור'ל שטייסט ביים טור ליינענדיג 'דער שטערן' און איך דארף 5 מאל כמעט שרייען אנטשולדיגט בחור'ל קענסט זיך אפשר רוקן אין דער זייט!? וואס שטייסטו מיר שוין ווייטער אינטער די פוס? איך בין שולדיג אז דיין טאטע לאזט נישט אריין די שטערן אינדערהיים? פארדעם דארף איך געשטערט ווערן ביים איינקויפן פרישטאג? פארוואס

ליינסטו א מאגאזין וואס האט בילדער פון טמאנע גוים רח"ל? און בכלל וואס האט א בחור אריינצישרעטן אין א געשעפט וואס פארקויפט דעם טריפה'נעם המודיע?

נאך אזא פרימארגן האט מיר שוין ממש געפרייט זיך צי טרעפן אין ארבעטס פלאץ ווי עס איז מיין פריוואטע אפיס קיין שום בין הזמנים קען מיר נישט שטערן אדער אוועקנעמען וואס איך האב.. אזוי האב איך נאר געמיינט, אינמיטן ארויפלייגן מיינע נייע פראדוקטן אויף איבעי זע איך ווי די אינטערנעט איז פליצלינג געווארן זייער שטייט עס נעמט מיר פינעף מינוט צי רעפרעשן א בלאט איך בין מחליט צי נעמען א ציגאר ברעיק איך גיי ארויס אויפן גאס און דאס בלוט קומט מיר ארויף אין פנים, איך זע שוין צום פיפיציגסטן מאל היינט דיר בחור'ל שטיין ביים טויער פון מיין אפיס נישט מער און נישט וויניגער אן קיין בושה כאפן ווייפיי! וואס דארף איך ליידן אז דו האסט זיך פארגליסטעט? דיין פעיסבוקן איז אזוי וויכטיג מיר צי שטערן שפיזן מיינע קינדערלך? האסט מיר געפרעגט רשות בעפאראן ניצן מיין אינטרנעט? מאכסט אזוי אוועק סקולענע רבי'ס סטראשונגען? און בכלל וואס איז דיר אזוי וויכטיג צו שטיין אינדרויסן אויפן גאס און פרירן מיטן אייפאד אין דער האנט? מיינסט די מיידלעך מיט וועם דו רעדסט אויף פייסבוק זענען אמת'ע? ס'איז א נאריש בחור'ל ווי דיר וואס טרייבט ליצנות פון דיר!..

מען האלט שוין ביי מנחה מעריב איך גיי ארויף אין היכל הביהמ"ד לערנען מיין טעגליכע שיעור וואס גייט שוין אן יארן עס ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן! א געפילדער פון מחנות בחורים זיצן אויף די טישן און ליינען שרייבן קאטשקענען זינגען עסן לערנען קלאצן שמועסן כאילו זיי זענען ביין טאטן אין וויינגארטן איך זיך שנעל אויף מיין חברותא איך זע דעם חשובן מגי"ש שליט"א מיין חברותא זיצן אזוי איינגעמאכט פארקוועטשט ביים עק טיש צווישן נאך צענדליגער בחורים איך לויף שנעל צי איהם בשעת עטליכע פון די בחורים קוקן מיר אן מיט שפיזיגע בליקן פארן ניצן אן 'ארטסקרול גמרא' איך זעץ זיך ענדליך אראפ הייב אן לערנען מיט געשמאק כאטש די שטיקעניש און געפילדער עס גייט נישט דורך קיין פינעף מינוט און דו, בחור'ל, קומסט צי 'אנטשולדיגטס, איר האט אפשר א סעלפאון פאר מינוט'? פארשטייט זיך איך קען נישט זיין קיין שלעכטער האב איך עס דיר געגעבן.. אבער מיינסט איך האב נישט געזען ווי די טשארדשסט אינטען פון דער באנק א פעידש-פלאס 20 דאלערדיגע פאון? פארוואס דארפסטו קומען בארגן מיין טייערע גאלאקסי 3? האסט נאר 1200 מינוטן און דו ווילסט עס סעיוון צי הערן נחום? פארדעם דארפסטו מיר שטערן פון לערנען? און פארוואס האסטו טוויטער אויף דיין פאון, איז עס דען געמאכט פאר ישיבה בחורים? פארוואס פאללאוסטי גוסטין ביבער? סאטמאר עידש קיו איז נישט געניג קאאל פאר דיר? פארוואס פאללאוסטי נישט אלל אידיש ניוז? ווייסט אז געוויסע ראשי ישיבות רופן עס טוויטער-שטיפער אפצי'חוזקין פון די בחורים וואס האבן נישט וואס צי טאן מיט דער צייט און זיצן אויף טוויטער?

גע'ענדיגט מיטן לערנען גיי איך דאוונען מעריב איך וויל שוין ענדיגן מיט דעם שווערן טאג, גיי איך אריין אין איינע פון די שטיבלעך כ'וויל דאוונען פארן עמוד איך האב יארצייט נאכפאר וואס-ווען-ווי לויפסטו בחור'ל שוין צו צים ברעטל מיט איין אימפעט אין הייבסט אן חופה'רען מיט דיין קוויטשעדיגע שטימע 'יתגדויתקדשמירבה'.. האלא בחור'ל רואיג, טשיל, כ'בין פונקט אזוי הינגעריג ווי דיר כ'האב געהאט א שווערערע טאג ווי דיר אבער לאז מיר דאווענען מיט אביסל כוונה.. איך בין שולדיג אז עס שמעקט דיר דאס ברעטל? מיין זיידענס נשמה איז דען נישט חשובער ווי דיין חופה'רייען? בכלל ווער האט דיר איינגערעדט דו קענסט דאווענען? די ציברעכסט דאך דיר די צאן ביי קדיש!

אן אויפגערעגטער האב איך זיך אויפגעהויבן און ארויס פונעם ביהמ"ד נאכפאר די בחור'ל האסט אויסגעלאזט 'ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד' יעצט נאך א ווארעמע פליישיגע נאכטמאל און נאכן אביסל קומען צי זיך האב איך זיך אראפגעזעצט דיר שרייבן אביסל ווי אזוי מיין טאג האט היינט אויסגעקוקט און איך אין דעם נאמען פון מיינע חברים ווילן דיר בעטן א קליין בקשה'לע:

עס איז אינזער ביהמ"ד שוין יארן דו האסט בין הזמנים? קום אריין, דאווען, לערן, טו דיינע געברויכן.. אבער ביטע רעכען זיך אביסעל מיט די בעלי בתים וואס האלטן אויס דעם ביהמ"ד און צאלן חודשליך די ביללס, מאך נישט אינזער ביהמ"ד א ישיבה, זיי אזוי גוט טייל דאס מיט דיינע חברים עס זאל זיין פאר יעדן א גרינגע און אנגענעמע בין הזמנים.

א פריילליכן חודש און א חג כשר ושמח!
וואונטשט: דיין אויבערשטער שכן.

**berlbalaguleh** • 16טן מערץ 2013

מיין טייערער שכן. איך האב געליינט דיין בריוול מיט גרויס אינטערעס, און כ'האב זיך דערמאנט פון דער צווייטער מכה וואס הקב"ה האט געברענגט אויף די מצריים פון אמאל. די מכה פון צפרדעים. אזוי ווי פרעה און זיינע קנעכט האבן געהאט צו ליידן פון די פרעש, ווי ס'שטייט אין חומש. אזוי נעבעך ליידסט דו פון ישיבה בחורים בין הזמנים. כ'האב

שטארק מיטלייד מיט דיר. נאך א מזל די ישיבה בחורים זענען נישט געווען ביי דיר אין שטוב ביינאכט ווען דו האסט געגעסן נאכטמאל. ס'איז אבער אינטערעסאנט אז איך קום אין זעלבן ביהמ"ד און נוץ די זעלבע ביה"כ (רוב מאל ערלעדיגט אינדערהיים.) און איך האב ב"ה נישט געליטן די זעלבע מיטמאכענישן וואס דו האסט מיטגעמאכט, ל"ע. נישט ביים (ווען) טרונקען קאווע און נישט ביים זיצן און דאווענען אין ביהמ"ד. אלעס גייט ב"ה צו אויפ'ן בעסטן אופן.
אינדערפריה, גלייך ביים אריינקומען אין ביהמ"ד באגריסן מיך צוויי בחורים מיט א פרייליכן גוט מארגן. אין קאווע שטיבל, (נישט דאס ווירטואלע) הייבט זיך אויף א בחור און זאגט פאר זיין חבר. "לאמיר מאכן פלאץ פאר אן עלטער'ן יוד". נאכ'ן ענדיגן טרונקען די קאווע גיי איך צו מיין מקום קבוע און גרייט זיך צו דאווענען שחרית. קומט צו א בחור און פרעגט מיט דרך ארץ. אויב מ'קען דא זיצן און נישט אוועקנעמען קיינעמ'ס פלאץ. איך ווייז איהם אן אויף א פלאץ ביי מיין טיש. און ער באדאנקט זיך. אזוי גייט מיין סדר היום אן ב"ה און אין אלע מיינע באגעגענישן מיט די חשוב'ע בחורים וואס האלטן בין הזמנים טרעף איך מיך קיינמאל נישט אן מיט עגמת נפש. נאר איך זע די פירות פון האבן פארברענגט א גאנצן ווינטערדיגן זמן אין אן אטמאספער פון תורה און דרך ארץ.

**ציבעלע-קיגל** • 14טן אפריל 2015

און וואס איז מיט דער אינגערמאן?

איך שטיי אויף 6 אזייגער אינדערפרי און לויף צו מיין קאר ווייל מיין חברותא פאר'ן דאווענען ווארט שוין... אין איינער בלאקט מיין דרייוועי. און איך גיב א קוק און עס איז גאר מיין שכן וואס נישט נאר ער האט זיין אייגן דרייוועי וואס ער נוצט נישט און בלאקט נישט נאר ווען איינער האט עס יא געבלאקט האט ער געמאכט אזא גערוידשקע אז ער האט אויפגעוועקט אלא שכנים.

קום איך שוין אן אין שול און דא גייט אדורך אן אינגער מאן מיט א קאווע רעדענדיג אויפ'ן סעלפאן און קוקט נישט ווי ער גייט און גיסט אויס די קאווע אויף מיר און זאגט נישט אפי' אנטשולדיגט.

גיי איך שוין אריין אין שול און דא שטייט דער אינגערמאן און טוט אן זיין טלית און ביי להתעטף גיבט ער א ווארף די ציצית און גיבט מיר א פליק אין פנים מיט די ציצית און דערנאך פון דער צווייטער זייט.

מען קען אזוי אנגיין א גאנצן טאג.

עס זענען דא אומ-מענטשן... און די בחורים פון וועמין דו רעדסט פון ווערן אינגעלייט אומ-מענטשן.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 14טן אפריל 2015

ס'דערמאנט מיר פון א זיידע וואס זיצט אויף זיין פארט''ש און שרייט אן די קינדער פאר'ן טרעטן אויף זיין גראז, ולית דחש ליה.
לאז איהם שוין אפ. דער בחור איז נישט שולדיגט אז דו האסט נישט קיין שלום בית, די מעשה מיט דער מקוה איז קיינמאל נישט געשען, און אז ס'פעלט קאווע רעד זיך אפ צום שמש, נישט צו דעם מענטש וואס מחמת זיין אומפאראייראטע שטאטו''ס מיינסטו אז מ'מעג איהם באטרעטן. אדרבה, טרעף איהם א פאסיגע שידוך, וועט ער דיר שוין נישט שטערן, ווייל ער איז שוין נישט קיין בחור.

קולטור • א שטאט־אינסטיטוציע

# א באזוך ביי „האט בייגעלס“

א שטאט האט אירע אינסטיטוציעס, און אין בארא פארק איז איינע פון זיי א בייגעל־געשעפט וואס פארמאכט זיך קיינמאל נישט. די היסטאריע פונעם בייגעל, ווי אזוי מען באקט אים, און וואס די ליינער שמירן דערויף.

פון **שמואל הלוי און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „א באזוך ביי "האט בייגעלס"“ • 17טן אפריל 2012 – 15טן מערץ 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/402.html

**שמואל הלוי** • 17טן אפריל 2012

באקענט אייך מיט דעם „בייגעל“ און זיין היסטאריע, ווי אויך מיט די געשמאקע וועלט באריבמטע „האט בייגעלס“...

## די היסטאריע פונעם בייגעל

דער קראסטי רינג-פארעם „בייגעל“, איז אן אור אלטע רוסיש-פוילישער מאכל, וועלכער שטאמט פון דער שטאט „ביאלא“ אדער „ביאלאסטאק“, און דעריבער ווערט דאס גערופן על שמם „בייגעל“. אזוי אויך, דער ווארט „בייגעל“ מיינט א האנד באנג (ברעיסלע''ט) אין דויטש, וואס דאס איז דאך דער אויסקוק פונעם בייגעל.

דער „בייגעל“ איז געווען דער טאג טעגליכער ברויט פאר די אידן אין איסטערן אייראפע הונדערטער יארן, און איז שפעטער אויך געווארן א פאפולערער עסן אין אמעריקא, און היינט צוטאגס, א 'סטענדערט' אמעריקאנער ברויט, אזוי ווי חלות.

עס פלעגט אמאל פארקויפט ווערן אין די גאסן אין גרויסע קוישן, אדער איז דאס געווארן אויפגעהאנגען אויף א לאנגע שטריק, מען האט דאן געדארפט פארמאגן א לייסענס צו פארקויפן די בייגעלס. פון דעסטוועגן, זענען אבער די קליינע קינדער וועלכע פלעגן וועלן העלפן די מאמעס און פארקויפן בייגעלעך אויף דער גאס, געווען רעספעקטפול ביי די קויפער. אבער ווען א סאלדאט האט זיי געזען, האבן זיי באקומען קלעפ, און די קוישן, בייגעלס, און די סחורה'נער דעק, איז געווארן אוועק גענומען פון זיי.

צוליב דעם בייגעלס אויסזען, וועלכער איז רינדיג, און פארמאגט נישט קיין אנהויב אדער קיין עק, האט דער בייגעל שטענדיג סימבאליזירט דאס לעבן פון א מענטש. און אין די אלטע צייטן האבן די בייגעלעך געברענגט אן אויסקוק פארן מענטש, דעריבער, איז דאס סארווירט געווארן ביי ספעציעלע געשעענישן, ווי ווען א פרוי האט געבוירן א קינד, און ל''ע ביי א לויה פון א מענטש, ווי דאס איז סארווירט געווארן אינאיינעם מיט הארטע געקאכטע אייער.

ווען די אידן האבן פארלאזט אייראפע אין די מאסן, וואנדערענדיג קיין אמעריקא, האבן אסאך פון זיי אנגעהויבן צו פארקויפן דעם בייגעל אין פוש'קארטס, אויף די גאסן אין לאווער איסט סייד אין מאנהעטן, ווי דאס איז פארבליבן ביזן היינטיגן טאג, ווי מען קען דאס געפינען אויף אלע גאסן איבער דער שטאט. און עס האט זיך פארמערט און אויסגעשפרייט, ווען עטליכע האבן אנגעהויבן עפענען געהעריגע „בייגעל געשעפטן“, ווי עס איז שוין היינט צוטאגס פאראהאן אן אויסוואל פון פארשידן ערליי בייגעלס, לויט אלעמען'ס געשמאק.

## דער בייגעל אין איר אידישע היסטאריע

עס איז נישט קיין צווייפעל, אז בייגלעך איז פון שטענדיג אן געווען פארעכנט אלס א אידישער מאכל, וועלכער האט זיך נאר צוליב זיין געשמאק, אויך אריבער געכאפט צו דער אנדערער זייט גאס. און שוין מיט הונדערטער יארן צוריק געפינען מיר אז דאס איז געווען א היימיש אידישער עסן, וואס אידן אין זייערע שטעט האבן דערמיט אנגעהויבן דעם טאג, און מיט דעם מקיים געווען דעם פת שחרית.

ווי אויך, זענען נאר אסאך מעשיות אין דער אידישער היסטאריע באקאנט, וועלכע האבן א שייכות מיט דעם „בייגעל“, און דער „בייגעלעך פארקויפער“. און נאך מער פון דעם געפינען מיר אז עס זענען געווען גאר ערליכע אידן וועלכע האבן זיך פארעכנט צווישן די בייגעלעך פארקויפער.

אויפן הייליגן בעל 'מאור ושמש' ווערט פארציילט, אז אלס קליין קינד פלעגט ער ארויס העלפן די מאמע, און ארום גיין פארקויפן בייגלעך איבער דער שטאט, און דאס פלעגט ער צו טון יעדן טאג. ביז אן עושר א געהויבענער איד האט אים געטראפן, און איינגעזען אז דאס קינד האט כשרונות, האט ער אויסגעצאלט פאר דער מאמען, און גענומען דאס קינד צו

זיך, און אים געשיקט אין ישיבה לערנען, ביז ער איז אויסגעשטיגן אלס דער הייליגער בעל מאור ושמש.

נאך אן ענליכע מעשה ווערט פארציילט, איבער אן ערליכער 'בייגלעך פארקויפער', וועלכער איז געווען א נהנה מיגיעי כפו, און פארקויפט בייגלעך, איינמאל האט אים אנגעטראפן אן עושר, און זענדיג וואספארא ערליכער איד ער איז, האט ער אים פארגעשלאגן צו מאכן א ישכר וזבולון געשעפט, ד"ה אז ער זאל זיך זעצן לערנען, און דער עושר וועט אים אויסהאלטן מיט געלט. נאך עטליכע וואכן האט דער עושר געזען אז דער תלמיד חכם האט זיך צוריק גענומען צו פארקויפן בייגלעך, האט ער אים געפרעגט וואס איז דא געשען, האט אים דער בייגלעך פארקויפער געזאגט, אז ווילאנג ער פלעגט פארקויפן בייגלעך האט ער געוויסט אז עס איז פארהאן א באשעפער אויף דער וועלט, ער האט געלעבט מיט אמונה, אז דער באשעפער וועט אים צושיקן קונים, אבער זינט דער עושר האלט אים אויס, האט ער פארלוירן זיין אמונה, ווייל ער איז נישט אנגעוויזן אין סייעתא דשמיא, און דעריבער האט ער זיך צוריק געקערט צו זיין פריערדיגן פאך צו פארקויפן בייגלעך.

דער עושר האט זיך אבער נישט געלאזט, און גערופן דעם בייגלעך פארקויפער צו א דין תורה ביים הייליגן בעל „מגלה עמוקות", וועלכער איז דאן געווען רב אין יענע שטאט, און ער האט דאן געהאלטן ביים פארלאזן די שטאט, און ווערן רב אין א גרעסערע שטאט. אבער ווי נאר דער מגלה עמוקות האט געהערט איבער וואס די דין תורה איז, איז ער זייער איבער גענומען געווארן פון דער ערליכקייט פון די שטאט'ס מענטשן, אז אפילו דער בייגלעך פארקויפער האט אזעלכע הייליגע השגות, און ער האט באשלאסן אז ער בלייבט רב אין דער שטאט.

## „האט בייגעלס"

שרייבענדיג איבער דער טעמע פון בייגעלעך, האבן מיר זיך טאקע פארבינדן מיט דער אנפירערשאפט פון די אלעמען באקאנטע פירמע „האט בייגעלס", וועלכע איז דער סאמער בארימסטער בייגעל פירמע ביים חרדישן ציבור אין נוי יארק, און מיר האבן געוואלט ארויס באקומען פון זיי, וואס אייגענטליך איז דער בייגעל, וואס איז זיין מעלה, און פארוואס זענען מענטשן ממש פארקויפט פאר דעם מאכל.

מיר האבן זיך באגעגנט מיט דעם אלעמען באקאנטן איד, הרב ב. שליט"א, וועלכער גיבט זיך אן, אז ער איז אן אייניקל און שטאמט פון דעם הייליגן ראדישיצער רבי ז„ל, זיין טאטע איז געווען א רבי, או"וו. ער אליינס איז נישט קיין קטלא קניא, ער באררייכערט אונזערע ידיעות איבער דעם בייגעל, און עס גיסן זיך פון זיין מויל סיפורי צדיקים און מימרות פון גרויסע לייט.

ער באטאנט, אז כאטש זיין פאך שטאמט נישט פון זיין משפחה, וועלכע זענען קיינמאל נישט געווען אין די ליין פון פארקויפן בייגעלעך, אבער דאך פארציילט ער א ווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגן ראדישיצער ז„ל, וואס האט א שייכות צו א בייגעל. איינמאל איז א מיידל אוועק געפאלן ל"ע, און מען האט איר בשום אופן נישט געקענט דערמינטערן, מען איז שנעל געגאנגען מזכיר זיין פארן הייליגן ראדישיצער ז"ל, און נאך עליכע מינוט האט זיך דאס מיידעל אויפגעכאפט, און פארציילט פאר די ארומיגע, אז זי האט געזען אין חלום ווי א רבי קומט צו איר און גיבט איר צו עסן א בייגעל, און אזוי עסענדיג איז איר בעסער געווארן, ביז זי האט זיך אויפגעכאפט, און דער רבי איז געווען דער הייליגער ראדישיצער זי„ע ועכי"א.

## א בייגעל פון „האט בייגעלס"

וועלכער חרדי'שער איד אין נוי יארק, האט דען נאכנישט טועם געווען צום ווייניגסטענס עטליכע מאל א געשמאקן בייגעל פון דער בארימטער „האט בייגעלס" פירמע?..., און לאמיר אייך מגלה סוד זיין, אז „עטליכע טויזענט" אידן אין נוי יארק, האבן יעדן טאג הנאה פון די געשמאקע הייסע בייגעלס...

עס זענען פארהאן מענשטן וועלכע גייען זייער שטארק פאר בייגעלס, און זענען ממש פארקויפט דערפאר, יעדן איינציגן טאג וועלן זיי עסן בייגעלס, און זיי וועלן נישט אריין נעמען אין מויל עפעס אנדערש ווי בייגעלס..., עס זענען פארהאן אידן וועלכע קומען שוין אריין פאר „צוואנציג יאר" יעדן טאג צו דעם 'האט בייגעל' געשעפט, און קויפן בייגעלס...

דער בייגעל האט עטליכע מעלות פאר זיך, קודם כל איז דאס זייער אן אפעטיטליכער מאכל, מער ווי ברויט און זעמלעך, און דערנאך, איז דער אויסזען און פארעם פונעם בייגעל אויך א סיבה וועלכע ציט אן דעם אויג פונעם מענטש, ער זאל וועלן פארזוכן פונעם בייגעל, עס איז א גאנצער, א „שלם", נישט ווי א סלייס ברויט, ווי אויך ער איז שיין רינדעכיג, און אויסגעבאקן ארום און ארום פון אלע זייטן, און פון יעדע זייט ארום און ארום ווי מען פארזוכט דערפון, איז דאס קריספי, וועלכער פארשארפט דעם אפעטיט...

## ווי אזוי מאכט מען א בייגעל

דער „בייגעל" איז נישט ווי ברויט און זעמלעך, וואס מען באקט אפ און פערטיג, נאר עס גייט אדורך עטליכע

שטאפלען ביז ער קומט ארויס אלס א ריכטיגער בייגעל, [פארשטייט זיך אז מען וועט נישט דא ארויס געבן די ריכטיגע סודות פון חדר, ווי אזוי עס ווערן אהער געשטעלט די האט בייגעלס, ווייל דאן ווערן זיי אויס קאפעלוטש מאכער..., אבער מיר וועלן אראפ ברענגען בערך ווי אזוי א בייגעל ווערט געמאכט, אז מען זאל האבן א שטיקל השגה וואס עס גייט אדורך צו דעם בייגעל, ביז ער איז ראוי אז ער זאל פארעכענט ווערן צווישן די „האט בייגעלס"...].

ווי עס פארשטייט זיך אליינס, ליגן די עיקר יסודות אין די אינגרידיענס, מיט וואס דער בייגעל ווערט אויסגעקנאטן, וואס דאס גיבט מען בשום אופן נישט ארויס...

מיט צוואנציג יאר צוריק, פלעגט מען נאך אויספארעמען די בייגעלעך מיט די הענט, און דאס איז געווען יענע עבודה, קודם כל צו צעשניידן די טייגלעך אויף דער פינקטליכער מאס, דאן דאס אויסוועלגערן און אויפארעמען רידנדיג, עס זאל איבעראל זיין אייניג, נישט אויף איין זייט דיק און אויף דער אנדערער זייט דין, און דאן מאכן דעם לאך אינדערמיט, און פונקטליך אויסמעסטן אז דער לאך זאל טאקע זיין אינדערמיט..., ווייל אויב איז דאס ביי דער זייט, איז דאס שוין לויט מאנכע פסול...

היינט צוטאגס מאכט שוין דער מאשין אלעס אליינס, דער מאשין איז זייער אן אינטערעסאנטער, און גלייכצייטיג א פשוטער מאשין, ווען מען קוקט צו ווי אזוי דאס ארבייט, זעט מען אז עס ליגט דערין מער חכמה ביים אויספלאנירן דעם מאשין, ווי טעכנעלאגיע, עס איז זיכער אז א קלוגער מענטש האט דאס דיזיינד. דהיינו, דער מאשין טוט עטליכע אויפגאבעס, איינס נאכן צווייטן, מען לייגט אריין אין איר שיסל א ריזיג שטיקל טייג, און צום ערשט צעשנייד ער די טייגלעך אין פונקטליכע מאסן, דאן פארעמט עס אויס די שיינע רינדיגע טייגעלעך, אין א פונקטליכע מאס, אייניג אויף אלע זייטן, און דער לאך פונקטליך אין דער מיט.

אלע רינדיגע טייגלעך פארן אויף א קאנוועיר בעלט, ווי עס גייט אדורך פאר אן אינספעקשאן דורך דעם אויפזעער, וועלכע מאכן זיכער אז „יעדע איינציגע בייגעל" איז שיין אויסגעפארעמט..., אויב נישט, ווערט עס ווידער אמאל אריינגעווארפן אינעם מאשין, און ער דארף נאכאמאל „מגולגל" ווערן, ביז ער קומט ארויס שיין אויסגעפארעמט.

נאך דעם וואס די טייגעלעך ווערן שיין אויסגעפארעמט, ווי פריער דערמאנט, דארפן זיי נעכטיגן אין רעפרידזשרעיטאר, כדי זיי זאלן באקומען א געבוי, און נישט צערינען ווערן. דאן ווערן זיי אריין געווארפן אין א קאכעדיגער קעסל וואסער..., ווי זיי ווערן 'געקאכט' פאר א ווייליע. אט די קאכן, כאטש דער בייגעל ווערט נישט אינגאנצן 'רעדי' צו עסן דורך דעם, מאכט דאס אבער דעם הארטן הייטעל ארום דעם בייגעל, און דאס פארוואנדעלט דעם ווייכן שטיקל טייג פאר א 'קריספי בייגעל', מיט א הארטע קראסט, אזוי אז ווען איר וועט טועם זיין דערפון, וועט זיך אייך דאכטן אז אייערע ציינער פארבלייבן דארט שטעקן אינעם בייגעל..., דאן ווערן די בייגלעך געסטיעמט און געבאקן לויט איר פארשריפטן.

## די היסטאריע פון „האט בייגעלס"

הרב ב. שליט"א, הויבט אן זיין געשיכטע מיט דער היסטאריע פון דעם 'האט בייגעל' געשעפט, וועלכע איז שוין קנאפע פופציג יאר אלט, עס האט דאן באלאנגט פאר א איד'ל, גדאדע א שומר תורה ומצות, און אונזער הרב ב. שליט"א, פלעגט יעדע וואך איינמאל גיין מיט זיינע קינדערלעך דארט איינקויפן בייגלעך פאר נאכטמאל. עס איז זיי געווען זייער אינטערעסאנט ווי אזוי דאס געשעפט ארבייט, און ער האט שוין דאן געלייגט אן אויג דערויף, ביז עווענטועל איז אים געלונגען דאס אפצוקויפן, ווען דער אלטער בעל הבית האט באשלאסן אז ער האט שוין גענוג געארבייט אויף דער וועלט, און עס קומט אים פענסיע.

## „האט בייגעלס" היינט צוטאגס

אט דער קליינער געשעפטל, וועלכער איז סטאנציאנירט אין הארץ פון בארא פארק, אויף דער דרייצנעטער עווענין, ביי דער ניין און פערציגסטער גאס, איז פון די אויסגערופענסטע געשעפטן איבער דער גאנצער שטאט. יעדן איינציגן טאג וואלגערן זיך דארט אריבער 'עטליכע טויזענט' פערזאנען, וועלכע קומען אריין איינקויפן „פרישע און הייסע" בייגעלעך, וועלכע קומען נאר וואס ארויס פון די באק אויווענס.

ווער רעדט נאך פאר א יום טוב פסח, אדער גאר מוצאי פסח, ווען עס שלענגלען זיך ארויס לאנגע רייען ביז אינמיטן די גאס, ווארטענדיג צו באקומען א הייסן בייגעל, אלע ווילן כאפן די ערשטע בייגלעך וועלכע ווערן געבאקן מוצאי פסח..., טייל זענען דאן גאר מקפיד אויף תנור ראשון..., און אזוי שטייען מענטשן אין דער רייע א גאנצע נאכט...

ווי אויך שפילט זיך דאס איבער יעדן מוצאי שבת אין די ווינטער חדשים, ווען שווערע מאסן קומען אין דער קעלט זיך אנצו-ווארעמען מיט א הייסן בייגעל, וועלענדיג מקיים זיין דעם „חמין במוצאי שבת מלוגמא" אויפן העכסטן פארנעם, און פראוון א מלוה דמלכה כהלכתו, ווען מאנכע זענען 'מקפיד' אויף בייגלעך.

אויך געדענקען אלע, ווען מעיאר דזשוליאני איז געקומען באזוכן בארא פארק, און אינמיטן די גרויסע פאראדן אויף

דרייצענטע עוויניו, איז ער פלוצלינג אריין צו האט בייגלעס, פערזענליך איינצוהאנדלען עטליכע הייסע בייגעלס..., זעט אויס, אז ביי עטליכע אידישע פארזאמלונגען, האט ער פארזוכט פון די בייגלעך, עס איז אים געווען געשמאק, און זענדיג דעם געשעפט, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און ער האט פערזענליך געוואלט דאס איינהאנדלען...

איטער דעם געשעפט פאר זיך, איז וועלט בארימט איבער דער גאנצער שטאט, די בייגעלעך וועלכע ווערן דיסטריבערט אין אלע היימישע געשעפטן איבער גרעיטאר נוי יארק, יעדן איינציגן טאג, וועלכע ווערן צוכאפט דורך טויזענטער היימישע קונדן, וועלכע ווייסן אז ווען מען רעדט פון א בייגעל, מיינט מען 'האט בייגעלס'. די בייגעלס ווערן טראנספערירט איבער גאנץ נוי יארק, בארא פארק, פלעטבוש, קראון הייטס, וויליאמסבורג, מארא מאנסי, אא"וו, דורך א געשיקטן דיסטריביטאר, וועלכע מאכט זיכער יעדן איינציגן טאג זאלן די בייגעלעך אנקומען איבעראל, און די קונדן וועלכעווארטן שוין און קוקן ארויס אויף די 'האט בייגעלס' זאלן ח"ו נישט אנטוישט ווערן.

[פארקירצט]

## יומם ולילה לא ישבותו

א גרויסע מעלה ביי דעם 'האט בייגעל' געשעפט, וואס די בארא פארקער איינוואוינער ווייסן צו שעצן, איז, דאס אז דער געשעפט איז אפן פיר און צוואנציג שטונדן ארום דעם זייגער, יעדער ווייסט שוין, אז סיי וועלכע צייט, אויב מען קומט אהיים פון קאנטרי אינמיטן די נאכט, אד"ג, און עס כאפט אן א הונגער, קען מען אריין גיין אין געשעפט און מען ווערט סארווירט מיט פרישע הייסע געשמאקע בייגלעך.

אן אינגערמאן פארציילט, אז ער איז אהיים געקומען מוצאי פון א תענית, פון א ווייטע נסיעה, און ער איז אנגעקומען אין דער שטאט אום 2:30 ביינאכט, ער האט נאכנישט געהאט אויסגעפאסט, און אזוי איז ער געשטאנען אויף דער גאס, ווען אלע געשעפטן זענען שוין געווען פארמאכט, און ער האט נישט געוואוסט ווי ער קען באקומען עפעס עסן אויסצופאסטן, ביז ער איז אדורך געפארן דרייצנטע עוועניו, און ער האט געזען א געשעפט אפן, ער איז אריין, און עס איז אים לעכטיג געווארן פאר די אויגן, און ער האט גלייך געבראכן דעם תענים מיט עטליכע הייסע בייגעלס... "טעמו וראו כי טוב"

**זר זהב** • 17טן אפריל 2012

איך גיי פאר די ווריטינג בייגעל, אייער סעלעד מיט א שמיר פון דעי שארפע חריף.

די אלטע לעדי וואס סערווט דארט ביינאכט איז נישט אזוי ברייטהארציג מיט דער טונא/עגג סאלאד שמיראציע אווי די וואס ארבעטן דארט דורכן טאג.

וואס נאך? יא. אויב ווארטן מער פון 4 מענטשן אין די ליין טרעט איך ניטאמאל אריין.

**מוראדיג** • 20סטן אפריל 2012

ריזיגן דאנק.

דעפיניטלי עוורינג-טינג בעיגעל, טאוסטעד, מיט קריעם טשיס (און צומאל טשאקאלאד ספרינקלס דערויף).

**איסר האטלקי** • 15טן מערץ 2018

עמער זען וואס די נייע פרייז וועט זיין.

הומאר

# לכבוד מיין נערווירנדער שול שכן

יעדער האט א שכן אין שול. „יענטאאש“ האט אים געשריבן א בריוו מיט פיר „קליינע בקשה'לעך“ – און א ליינער האט זיך דערקענט.

פון **יענטאאש**

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „לכבוד מיין נערווירנדער שול שכן....“ • 15טן יוני 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1952187.html

**דער בריוו • יענטאאש • 15טן יוני 2006**

לכבוד מיין נערווירנדער שול שכן וואלף חיים זמג"ז (זאלסט מיר געבענטשט זיין):

שוין א לענגערע צייט וואס איך וויל זיך צו דיר ווענדן מיט עטליכע קליינע בקשות, דאס הייסט אויסער דער גרויסער הויפט בקשה פון 'טראג זיך אפ פון מיין געגנווארט' וואס איך וועל דיך נאכנישט איצט פרעזענטירן, האב איך עטליכענע קליינע בקשה'כלעך.

א: טו'זשע מיר א גענאדע, איך ווייס אז דו הערסט אויס 'סעווען סעוועדני' אין דעם קאר יעדן צופרי' ווען די טרינקסט דיין שטארק-ברוינע קאווע (וועלכע פאראורזאכט א שיינער חלק פון דער גערוך-געמישאכץ וואס דיין מויל דומפירט), אבער מיט דעם אלעם בעט איך דיך זייער, איך קען אויסוואורטן די נייעס ביז יאהו וועט עס מיך פארציילן ווען איך קום אן די ארבעט, איך באדארף נישט דערפאר דו זאלסט זיך מיר איבערבייגן איבערן אויער בעת איך דריי מיר ארויף די תפילין של יד, און איך זאל זיין אויסגעשטעלט צו דער ווארימקייט פון דיינע נאזלעכער, בענעזאם מיט דעם גערוך פון דיינע אומ'געפיצטע ציינער, און די שטעכן פון דיינע ווילד-לאנג-באוואקסענע שנויצן.

ב: ס'איז אמת און וואר אז די דעמאקראטן זענען גרויסע לוזער'ס, און איך וועל אפילו צו דיר מודה זיין אז 'קורטיס סליווא' זאגט אסאך מאל גאנץ גוט, אבער דאס מאכט מיך נאכנישט מסכים זיין אז דו זאלסט מיר איבערזאגן זיין צופריי'עדיגן ווי'ץ אויפן חשבון פון די דעמקראטן און דערביי מיך ארומנעמען ביים האלץ מיט דיין פיל-האריגע האנט וועלכע טראגט אויף זיך דעם ארויפגעקראזלטן גלעלן העמעד לאכנדיג דערביי און אויסרופנדיג 'יענטאאאש נעם עס נישט אזוי ערנסט דו ווייסט אז איך וויל דיך נאר טשעפענען'. גלייך מיר אז נישט די פאליטיק מאכט אן די פאראיבל'נדע מינע אויף מיין געזיכט, עס איז דער גערוך פון אונטער דיינע דיקע ארעמס.

ג: שכן זיסער, איך וועל דיך שוין אפילו מוחל זיין אויף דעם וואס דו האסט געזאגט מיין בעל הבית ווען ער האט געטראכט פון מיך הייערן אז 'יא יענטאאש, ער'ז'מיר א גוטער פריינד', און דאס האט אים געמאכט טראכטן נאך צוויי וואכן צי ער זאל מיך טאקע אויפנעמען. אבער דאס איז דיך לגמרי נישט מתיר צו נוצן מיין טלית ותפילין ווען דו פארגעסט דיינע צעקנייטשטע זונטאג אינדערפרי' אין שטוב. פארגעס פונעם פאקט אז דו לייגסט עס נישט צוזאם ווייל 'סיווי' גייט עס יענטאאש מארגן אויך צוריקפעפענען צו נוצן'. אבער אפילו ווען נישט דאס, שוויץ איך דען נישט גענוג פאר מיר אז איך זאל נאך דארפן שפירן דיינע ריסייקל'טע אויף מיין טלית? און צי בין איך טאקע מחויב צו האבן מחשבות זרות אויפצומאראגנס ווען איך טו אן די תפילין של ראש וועענדיג אין מיין פאנטאזיע ווי מיינע בתים גריבלען זיך אריין אין דיינע פעטע גרויסע האר פון דיין קלעפיגן קאפ?.

ד: און אויך יא...... די ברוינפן וואס איך האב מיך אנגעגרייט ביים לחיים..... ניין איך לאז דיך נישט טרינקען דערפון אביסל, אפילו נאר צו צוצקן מיט דער צינג און זאגן נאכער 'הממממ.... גאנץ א פיינער ברוינפן, מעג נאר זיין אביסל וויניגער זיס'....

ווי געזאגט זענען דאס נאר עטליכע קליינע בקשה'לעך, די ליסטע איז נאך אסאך גרעסער און ברייטער פון דיין גערוך'פולן קרעפער.

מיט האפענונג,
יענטאאש

**דער שכן ענטפערט • משנה_למלך • 15טן יוני 2006**

אההה, דו ביסט עס צו וועם איך רעדן יעדן צופרי?איך האב נישט געוויסט אז סי באדערט דיר. גראדע ווען איך האב געמענציאנט פאר דיין בעה"ב אז איך קען דיר גוט, האט ער קענטיג שטארק הנאה געהאט, איך ווייס נישט פארוואס. אבער פריי דיך, ווייל אויף א צווייטן וואס כ'אב נישט דערמאנט אז איך בין אין גוטן מיט אים, האט למעשה געווארט פיר וואכן. סאו....

**קורץ און שארף**

# פערל פון די ארכיוון

פיר קורצע שטיקלעך פון שכנים: א האמער אין דער סוכה, א שכנ'טע אונטן, א פארקינג־שילד וואס וואנדערט, און א טעלעפאן וואס רופט אויפן אומרעכטן שכן.

## א בריוועלע צום שכן מוצאי יום כיפור

**געוואלדיג:**

דו קענסט אפשר פליז במטותא מינך סטאפן צו זעצן מיט דעם האמער אויף מיינע קינדער'ס שלאף שטוב וואנט, איך ווייס אויך פון דעם גרויסן ענין פון טון אין דער סוכה מוצאי יום כיפור, אבער עס שטייט נישט אז עס מוז זיין מיט דעם האמער, די קליינע קינדער שלאפן שוין, א גרויסן דאנק,

דיין שכן

קאווע שטיבל • 23סטן סעפטעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9617.html#p302008

## א קשיא פון דער אויבערשטער וואוינונג

**בן אדם:**

מיין אינטערשטע שכן'טע קאמפלעינט היינט אז זי האט א פלאד דורך מיין ביה"כ, בין איך מחויב איר צו פארציילן אז באמת'ן גיס איך דארט אויס דאס נעגל וואסער יעדן טאג (אלס חשש מזיקים וכדו')?

קאווע שטיבל • 2טן מערץ 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6299-2.html#p323150

## דער שילד וואס וואנדערט

**היימישער:**

עס איז נישט איין מאל רוקן. איך האב אמאל גזען ווי א יונגערמאן האט גערוקט א סיין האב איך אים געפרעגט פארוואס? האט ער מיר געזאגט אז דאס האלט שוין אן יארן וואס די גוישע שכן ריקט די סיין ווייל ער וויל קענען פארקן זיינע קאמערשאל טראקס און ער קוקט עס נאר ציריק, און די גוי' מיינט אז די DOT טוט עס

עס קען זיין דא אויך די זעלבע

קאווע שטיבל • 5טן מאי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3678.html#p112132

## רוף מיך אויף מיין שכן'ס נומער

**zaltzvaser:**

עס איז די טעלעפאן עפאכע, מענטשן ווערן אידענטיפיצירט דורך, זייער נאמען, זייער סאושעל, און זייערע עטליכע טעלעפאן נומערן.

הכלל די טעלעפאן נומער איז היינט א חלק פונעם מענטש, און עס וועט נאך קומען א תקופה וואס מ'וועט נישט טארן טשעפן מענטשן ביים טעלעפאן נומער, נישט צו בארירן די געפילן.

דאס איז שוין א פאקט, און זעט אויס ווי ס'וועט אזוי בלייבן ביז מ'וועט אנהייבן אריינצונייען טשיפס אין אויער אלס פולקאמע קאמיוניקאציע, אלס צו זיין אין די לופטן, זיך צו הערן שנארכן ביינאכט וכדו'.

וואס מיך שטערט איז, ווען מענטשן וואס ווילן צו מיר רעדן, רופן מיך אויף מיין שכן'ס טעלעפאן, אדער אויף מיין חבר'ס טעלעפאן, און אמאל אפילו אויף א פרעמדן'ס וואס איך ווייס ניטאמאל ווער דער יעניגער איז.

איך מיין, אז איר ווילט צו מיר רעדן, ווערט געוואויר מיין טעלעפאן נומער און איך וועל מיט אייך גערן רעדן, און וויסן זאלט איר אז ווען איר רופט מיך אויף מיין שכן'ס נומער, קען איך נישט ענטפערן! איך בין אפילו נישט אין זעלבן קאר, איך הער נאר ארויס אלעס וואס איר זאגט, אבער איר קענט נישט הערן וואס איך האב צו ענטפערן, איז דאס יושר?

אה! נישט מיך האט איר גערופן אין מיין שכן'ס יוקאן?

וואס דען דארף איך מיטהאלטן די גאנצע שמועס בעל כרחך?

[פארקירצט]

זאלצוואסער • 9טן יולי 2014
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/523.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 15טן פעברואר, אין פריערדיגע יארן? א קלאג איבער א ברוקלינער פארקינג־מנהג, און א רייזע צו א פלאנעט וואו אלעס איז פארקערט – לכבוד חודש אדר.

11
יאר צוריק
2016

## ווייב האלט פארקינג ספאט פאר דעם מאן

**יואב** • קאווע שטיבל • געזעלשאפט • 15טן פעברואר 2016

דער טרויעריג-באקאנטער ברוקלינער פארקינג-קריזיס האט געבוירן א מנהג רע וואס לדעתי ברויכן ערליכע אידן זיך צוזאם נעמען און זען וויאזוי מ'קען דאס עוקר מן השורש זיין.

בזמן וואס דער אנגעפראסענער מאטאריסט זיצט באיסוף חברים אין א רעסטוראנט און יאגט אריין א שטיק סטעיק בתוך מעיו, [פאראקירצט] באפעלט ער ס'אשת חיל ז' זאל זיך ארײנשטעלן גלאצן אין יענעם חתיכת קרקע וואס איז ליידיג געווארן נעבן זייער וואוינונג. [פאראקירצט]

אז רוילט איר אראפ דעם פענסטער וועט איר אויסגעפינען אז דאס רופט זיך "I'm saving this parking spot for my husband, sorry". [פאראקירצט] בקיצור, דאס איז אן אפטע ערשיינונג; יעדער וואס דרייווט אין ברוקלין ווייסט מסתם דערפון — האלב עולם פון שיקן די ווייבער, און דער אנדערער האלב פון ווערן פארשיקט פון די ווייבער.

וואלט געווען אינטערסאנט צו הערן דעם דעת הקהל איבער דעם געמיינעם אקט. בעסיקלי צוויי שאלות.

קודם כל, האט דאס סיי וועלכע האפט? באלאנגט דען עפעס די גאס פאר דיר? צאלסטו דען רענט פאר דעם שטיקל קרקע? איך פלאג מיך פונקט אזוי מיט פארקינג, איך וואוין פונקט אזוי אויף דער דאזיגער גאס, און מאי חזית אז דוקא איך ברויך זיין דער וואס מוז יעצט ארומקרייזן די שטאט [פאראקירצט]. לפענ"ד איז כל הקודם זכה, ווער עמענס רעדל ס'דרייט זיך ערשט אריין אין יענעם ליידיגן ספאט, דער קריגט דעם זכות קדימה.

צווייטנס, אם תמצי לומר אז דאס בלויז גלאצן פון א בשר ודם אויף א ד' על ד' האט טאקע קיין שום ממשות נישט, דאן וואס ברויך א איד טאן למעשה. אריינבעקן אין דער פרוי אריין ביז ז' גיבט נאך איר זינלאזע עקשנות; רעדן איידל, און פראבירן אן ערפאלג איבערצווערן יענע אשה כשרה אז דיר קומט זיך ליבערשט דעם מקום מנוחה ווי איר מאן; סטראשענען מיט געזעץ, תורה, די וועלט און יענער וועלט; זיך שטעלן ווארטן אויפ'ן מאן און זיך איבערצייגן ווער ס'פארמאגט א דיקערן פאסיק, אדער סתם אזוי אוועקגיין פון דארט מיט סבלנות, און מיט א ביטחון אז מי שאמר לשמן וידלק וועט אראפוישן א פייער-היידרענט עטליכע פיס אראפציר.

כ'האב מיך שוין כמה פעמים אנגעשטויסן אין דער דאזיגער שלעכטער מידה; כ'האב יעדעס מאל אנדערש געדיעלט, אייביג געווען א דיפערענט סיטועישאן. איך שרייב די שורות זיצנדיג ביי א פאמפ, נאך דעם וואס אזא מעשה האט אקארשט פאסירט. צוליב דעם גאר שלעכטן וועטער איז מיך ממש באפאלן א רחמנות אויף יענער אומשולדיגער פרוי וואס איז גרייט נאס און פארפרוירן צו ווערן פאר איר באקוועמען מאן. ז' האט אויסגעקוקט אן איידעלע, ס'האט זיך מיך געגלויבט אז אויב נעם איך יענעם ספאט גייט ז' כאפן קלעפ פון איר מעסטער — נאך וואס יענער טרעפט פארקינג ווודאי געוויס.

ערשט האב איך מיך אריינגעפארקט אין שטיבל, זאל דער עולם מיטטיילן זייערע מיינונגען און ערפארונגען.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10144.html

## ונהפוך הוא – עולם הפוך ראיתי

**שמעקעדיג** • קאווע שטיבל • א שמייכל • 15טן פעברואר 2016

לכבוד חודש אדר, האב איך ארויסגענומען מיין טיים מאשין, און אלס זשורנאליסט געפלויגן באזוכן דעם ניינטן פלאנעט וועלכע די אסטראנאטן גלייבן אז זיי האבן לעצטנס דערזעהן. איך האב געכאפט דעם לעצטן ספעיס שאטל פון יוסל שארמאשער, אהינגעפלויגן, און יעצט קום איך צוריק איבערגעבן א באריכט פונעם באזוך פאר אונזערע חשוב'ע חברים.

וואס זאל איך אייך זאגן! עס געפינען זיך דארט – צווישן אלע אנדערע – א קבוצה היימישע אידן גענוי ווי דא אויפן פלאנעט ערד. זיי פירן זיך על דרך התורה והיראה, כאטש אסאך פון אונזער אכשר דרא משוגעת'ן האט זיך נאכנישט איינגעגעבן דארט. מצדי, בין איך גרייט אהינצוגיין וואוינען היינט, אבער איך דארף נאך קאנווינסן מיין עקרת הבית אז זי וועט נישט קענען נעמען קוגל פון דער מאמען צו אפט.

די מערסטע מאדנע אספעקט איז מיר געווען דעם פארקערטן לעבנס שטייגער פון אונז. מיט דעם מיין איך, נעמליך, ביי דעם ענין פון "עת לבכות ועת לשחוק". פונקט קאפויער פון אונזערע מנהגים! איך בין מער ווי איינמאל געווארן שאקירט און געשטאנען געפלעפט, זיך רייבנדיג די אויגן. און פון דעם וויל איך דא פארציילן.

עס הייבט זיך אן פון א מענטש ווערט געבוירן. ווען עס קומט אראפ א נייע נשמה, הערשט א טרויער. קיינעם פאלט נישט איין עס צו רופן "א שמחה". ס'טייטש, א נשמה וואס איז נחצב מתחת כסא הכבוד און איז נהנה פון די נהמי דכסופי קומט אראפ זיך מוטשען אויף דער וועלט, מלא נסיונות, וואס ימי שנותינו בהם רהבם עמל ואון. וואס איז דען די שמחה? אלזא פרייטאג צו נאכטס ביי שלו' זכר קומט זיך דעם ציבור צוזאמען, מנחם זיין די עלטערן און די נייע נשמה אויפן אומגליק וואס האט זיי באטראפן. די עלטערן גייען ארום פאר'דאגה'ט, עס הייבט זיך אן א נייע עפאכע פון שלאפלאזע נעכט און שמוציגע וינדלען, לויפן צום דאקטאר מיט אויער אינפעקציעס און ציין וויטאג. אסאך עלטערן גייען צו די עלטערע אידן שעפן חיזוק און אדווייס ווי אזוי אדורכצוגיין די שוועריגקייטן. די שוואכערע מענטל חברה גייען גאר פאר טעראפי הילף.

צייט היילט, זאגט די וועלט, און צעביסלעך ווערט מען געטרייסט. דאס האלט אן ביז מען דארף שיקן די קינדער אין די חדרים און שולעס. אסאך עלטערן פאסטן דעם טאג. עס הייבט זיך אן א קייט פון שיקאנירונגען, תקנות, חתימות, טערארר. דער טאטע דארף אנהייבן פארהערן דאס קינד יעדע וואך, קוקן זיינע שאלות ביים שבת טיש, בלייבן מוצ"ש ביי אבות ובנים, די מאמע דארף שרייבן מצוה צעטלעך, הענגען טשארטס אויפן פרידזש, און מען דארף אסאך געלט צו קויפן כסדר נייע קליידער לויט די תקנות המוסד למען דורותיהם. א מין פרעשור.

ווען דער בחור ווערט בר מצוה, קומט יעדער צוזאמען מיט אראפגעלאזטע נעזער, מען קען קוים שלינגען דעם בילקע. יעדער ווייסט גוט אז דער אלטער יצר הרע וועט נישט ארייננלאזן דעם נייעם גאסט (דעם יצר טוב) אזוי גרינג, און דער בחור וועט אסאך סטראגלען, און אסאך שעות רצופות מוזן בע"כ ארייגרוקן כדי מתקן צו זיין זיינע פעלערן. מצד שני זאגט דער פאטער דעם 'ברוך שפטרני' מיט אזא ריליעף וואס ווייניג קענען פארשטיין.

ווער רעדט נאך ווען מען מאכט חתונה? דער עולם שיסט פאר געווייין. מען פארברענגט מיט די הענט, די אויסטערלישע הוצאות, די פרעשור, אבער מען גייט ווי א ביבער צו דער שחיטה, ווייל דאס איז דאך דער סדר העולם, און מיר זענען מצווה אויף פו"ר, מען מוז דאך האבן קינדער צו ציען די קופערנע קייט. דער בדחן (דארט רופט מען עס 'עצבן') קוועטשט ארויס טייכן טרערן פונעם עולם. ער איז מסביר אז דער נייער פארפאלק האט ביז יעצט געלעבט א זארגלאז לעבן, באקומען מכל טוב וטוב פון די עלטערן, און יעצט שיקט מען זיי ארויס אן קיין פרנסה, אן קיין עקספיריענס, און אן קיין שום פלאן ווי אזוי צו אויסצולעבן דעם טאג. (פאראן וואס זאגן אז די מאדע ביי אונז אז דער בדחן מאכט יעדן וויינען, האט א ניצוץ פון זייערע דארטיגע מנהגים, אבער כ'האב נישט מברר געווען אויב ס'איז ריכטיג). ביי איין חתונה וואס כ'האב מיטגעהאלטן, האט דער 'עצבן' ממליץ געווען אז די פארפאלק האט חתונה "בלי שום זוז כל שהוא", אן קיין מטבע.

חתן וכלה גייען אהיים נאך דער חתונה מיט א צעבראכן הארץ, זיי ווייסן גוט את אשר לפניהם, אז די שווערסטע חלק פון לעבן הייבט זיך יעצט אן. שלום בית פראבלעמען, חינוך, פרנסה, געזונט, אלעס דארפן זיי אליין זארגן, קיינער וועט זיי נישט העלפן בעת צרתם (נישטא קיין תהלים כולל דארט), די כלה בענקט זיך נאך אירע האר, דער חתן נאך זיין פרייהייט, און אזוי גייען זיי ארום כאבל וחפוי ראש.

אויך דא איז גילטיג דער כלל אז צייט היילט, מען געוואוינט זיך צו צו די צרות, און מען הייבט אן לעבן און זיך איינארדענען אויפן שווערן אופן. ווי נישט ווי גיט מען זיך אן עצה, צומאל קומט די רעגירונג צו הילף, צומאל דרייעט מען און מען בלייבט שולדיג, א.א.וו. דאס אלעס קומט צו א האסטיגן אפשטעל ווען די נייעס ווערט געבראכן אז די נעקסטע דור הייבט אן קומען שפינען די קייט. די פרוי הייבט אן איבלען, די מאן אוועקלייגן געלט, און עס ווערט א פרישע קלאג אין דער משפחה. מען טרייסט זיך אז "אלעס איז באשערט", "עס איז זיכער לטובה", און נאך אזעלכע טרייסטענדע לאזונגען וואס מאכט מ'כלומר'שט גרינגער די איבלען און די צער הריון ולידה, און חוזר חלילה, עס הייבט זיך נאכאמאל אן די קייט פון אויבן, מען קומט טרייסטן די עלטערן ביים שלו' זכר א.א.וו.

אבער צו מיין וואונדער – ווען עס ווערט ניתוסף א נייע תגובה אין די "ברוך דיין האמת / יהא זכרו ברוך" אשכול, דאן שיינט יעדנס געזיכט פון פרייד. מען קומט זיך צוזאמען מיט כלי זמר, און מען טאנצט ניגוני שמחה אז דער יעניגער האט זיך שוין ענדליך אפגעפעקלט פון דער שווערער וועלט וואס איז מלא צער יגון ואנחה, און איז שוין זוכה צו אריבערגיין לעולם שכולו טוב. די בעלי מספידים (דארט הייסן זיי 'בדחנים') רעדן ארום פארשידענע פשטים בדרך פרד"ס אויפן מדרש "טוב מאוד זה המוות", אדער אויפן פסוק "טוב ללכת אל בית האבל מלכת אל בית המשתה"; אנדערע דרש'ענען איבער 'ולבכתה' וואס האט א קליינע כ' א רמז אז מען טרויערט וויניג, און מיט גרויס שמחה באגלייט מען דעם ארון צום בית החיים.

[פארקירצט]

פונעם גאנצן באזוך איז דער חלק געווען די מערסטע אינטערעסאנט, און כ'האב געשפירט פאר וויכטיג עס מיטצוטיילן דא אויפן שטיבל.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10140.html

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

נאכן לאנגן חשבון פון „פליקער“ ווי אזוי די טעקסט־בילס וועלן ארויסטרייבן די איינוואוינער פון וויליאמסבורג (זעט דעם הויפט־ארטיקל), האט „שמערל“ געענטפערט:

> א מעכטיגע ארטיקל.
>
> אבער ערנסט גערעדט, ווען באדערט א גירוש אויב איז ואחרי כן יצאו ברכוש גדול.

**שמערל** • קאווע שטיבל • 17טן אויגוסט 2014

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6973.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **הויפט־ארטיקל** | „גירוש וויליאמסבורג“ · **פליקער, petergrifin און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „גירוש וויליאמסבורג“ · 16טן–17טן אויגוסט 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6973.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „שכנים שטערן א כינעזער דעוועלאפמענט אין בארא פארק“ · **היכי דמי, איך הער.. און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · אידישע און אלגעמיינע נייעס · אשכול „שכנים שטערן א כינעזער דעוועלאפמענט אין בארא פארק“ · 24סטן–26סטן אפריל 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16102.html |
| **וויסנשאפט • אינזשעניריע** | „די נייע „טאפאן זי“ בריק“ · **שמעקעדיג, הערשי און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · אידישע און אלגעמיינע נייעס · אשכול „די נייע "טאפאן זי" בריק“ · 8טן אויגוסט 2013 – 30סטן יולי 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4477.html |
| **היסטאריע • שטעט** | „ווארשעווער היסטאריע“ · **לייבישרייבער**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „ווארשעווער היסטאריע“ · 30סטן יוני – 2טן יולי 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16363.html |
| **איבערלעבונגען** | „א בריוועלע פונעם שכן צום ישיבה בחור'ל“ · **town1 און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · חינוך · אשכול „א בריוועלע פונעם שכן צום ישיבה בחור'ל“ · 15טן מערץ 2013 – 14טן אפריל 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3220.html |
| **קולטור • א שטאט־אינסטיטוציע** | „א באזוך ביי „האט בייגעלס““ · **שמואל הלוי און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „א באזוך ביי "האט בייגעלס"“ · 17טן אפריל 2012 – 15טן מערץ 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/402.html |
| **הומאר** | „לכבוד מיין נערווירנדער שול שכן“ · **יענטאאש**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „לכבוד מיין נערווירנדער שול שכן.....“ · 15טן יוני 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1952187.html |
| **היינט מיט 11 יאר צוריק** | „ווייב האלט פארקינג ספאט פאר דעם מאן“ · **יואב** · קאווע שטיבל · גוזעלשאפט · 15טן פעברואר 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10144.html |
| **היינט מיט 11 יאר צוריק** | „ונהפוך הוא – עולם הפוך ראיתי“ · **שמעקעדיג** · קאווע שטיבל · א שמייכל · 15טן פעברואר 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10140.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א בריוועלע צום שכן מוצאי יום כיפור“ · **געוואלדיג** · קאווע שטיבל · 23סטן סעפטעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9617.html#p302008 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א קשיא פון דער איבערשטער וואוינונג“ · **בן אדם** · קאווע שטיבל · 2טן מערץ 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6299-2.html#p323150 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דער שילד וואס וואנדערט“ · **היימישער** · קאווע שטיבל · 5טן מאי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3678.html#p112132 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „רוף מיך אויף מיין שכן'ס נומער“ · **zaltzvaser** · זאלצוואסער · 9טן יולי 2014<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/523.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **שמערל** · קאווע שטיבל · 17טן אויגוסט 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6973.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 18טן פעברואר – נומער 35, אויף פרשת תצוה; מאנטאג, דעם 22סטן פעברואר – נומער 36

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.